STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09320

GEDIKHTE

Joseph Solomon Prenowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

POEMS

BY

J. S. PRENOWITZ

געדיכטע

פון

י. ש. פרענאוויץ

פילאדעלפיא.

Copyright 1911,
by J. S. Prenowitz

געדיכטע

פון

י. ש. פרענאָוויץ

POEMS

BY

J. S. PRENOWITZ

1910

פילאדעלפיא
ארויסגעגעבען פון אָזער בראָדערס, פובלישערס

1טער באַנד

אינהאַלטס פערצייכניס:

מיינע ליעדער 7

לעבען.

צו א בייבי 11

מיין ליעבסטע'ס ענטפער 14

ערָאינערונגען 16

דאס נייגעריגע קינד.................... 18

דיא צוויי סטרונעס 21

דער שטומער ענטפער..................... 22

בּיינקשאפט 23

קינדער טרעהרען 26

א בייבי 29

מאי 32

דיא פערפאָלגטע 34

יוגענד און עלטער...................... 37

וויל צוטריקענט איז איהר גרונט.......... 38

דיא שטילע לויה........................ 40

מוזעס טרעהר 44

דאָס איביג ווייטע 46

האָפענונג 47

מיך שרעקט ניט דיא נאכט................. 48

טוידט 49
זונען ווערען ניט פערלאָשען.......... 50
צו א פעסימיסט 51
דאָס איוביג לעבענדע 52
דאָס לעבען 55
אין דול-הויז 56
דער מענש (אלס קינד און אלס מאן)..... 57
פריינדין מעגסט דיא זאַנגע גלויבען 58
צו א פריינד 58
דו פרעגסט וואָס איך דיינק.......... 58
ניט דיא שעהנע ווערטער פריינדין....... 59
צו דיא יונגע שיפער................ 60
דיא איוביגע שטיממע 64
דיא בלומען 69
דיא אונשולדיגע מערדערין 77
עופה'לעס טרוים 84
א זיפץ 89
צו קליין 93
מיין חלום 94

ליעבע וועהען.

צו א פריינדין.................... 101
צו א פילאזאף 103

נו, שוין פערפאלען יונגלינג 104
א יוגענד פאנטאזיע. 105
זעהסטו פריינד אט יענע לאנקע? 107
אמאל און יעצט. 108
ניט וויין, ניט וויין געליעבטע. 109
צו איהר 109
טרוים און ווירקליכקייט 110
איך האב ערוואכט און 111
פראקטישע ליעבע 112
א גליק 113
ליעבע 1, 2, 3, 4, 5, 6. 114

פרייהייטס קלאנגען.

מיין הארץ 119
דער מארד אין וואלד 121
שלעכטע צייטען 123
אתין 125
דיא זון 127
א ביסעל געדאנקען 133
דיא גערעכטיגקייט צו רוסלאנד 134
וואו בליהען דיא בלומען? 136
דער נייער פסח 138
דאס פאלק 140

נאכט בילדער 143
מיינע האפענונגען 149
ליעבע און פפליכט 162

סאטירישעס.

צו זיין ליעבען נאמען 171
דיא הייליגע 174
א זומער נאכט (אין א נויארקער טענעמענט הויז) 178
זיא 181
דער לייף אינשורענס אגענט 181
חזנים ליעד (אויפ'ן בית עולם)............ 182
מכות געדאנקען 182

פרייע איבערזעצונגען.
(נאך היינע)

עס זיינען מיט גיפט מיינע ליעדער 185
אויף דיא באקען דיינע 185
ווען עס שיידען זיך געליעבטע 186
דאס לעבען איז א הייסער טאג 186
איך האב איהר אין א טרוים געזעהן 187
אויפ'ן לעבען'ס מעער 189
ווארום (נאך געטהע) 192

מיינע ליעדער.

איך האָב אין דיא פעלדער פון לעבען געוואנדערט,
און האָב דאָרטען פריידע און טרויער געפונען;
איך האָב זיי געזאמעלט, אין הארצען בעהאלטען,
און — דאָרט פון זיי ליעדער געשפונען.

צו וועלען זיי הערצער און זעעלען דערפרייהען,
צו וועלען זיי הערצער און זעעלען בעטריעבען —
איך וויים ניט. איך וויים נור: איך האָב מיינע פערזען
אין פעלדער פון לעבען געקליעבען.

לעבען

צו אַ בייבי

שלאָף זיך מיין ליעבענקע, שלאָף אין דיין רוה;
מאך דיינע בלויענקע אויגעלאך צו;
זים איז דיין דרעמעל, פון זאָרגען — נאָך ווייט!
יעצט איז צום שלאָפען דיין טהייערסטע צייט.

שלאָף זיך מיין ליעבענקע, שלאָף ליעבעס קינד;
דו ווייסט נאָך קיין פאלשקייט, דו קענסט נאָך קיין זינד.
ליעב איז דיין שמייכעל און שעהן — דיין געצעלט;
ווארהייט דיין מיענע, און טרוימען — דיין וועלט.

שלאָף זיך מיין טהייערע, יעצט איז דיין צייט,
שפּעטער, אָה שפּעטער, ניט אימער וויא הייט!
אָנפאנגען שפּעטער צו לעבען? — אָה שווער!
בייבי, דאן שלאָפט זיך זאָ רוהיג ניט מעהר.

דיא טרוימען פערשווינדען, דאס גוטעס פערגעהט;
עס קומען אָן צייטען פון זאָרגען און נויטה;
עס ווילט זיך דאן שלאָפען און טרוימען זיך פריי —
עס לאָזט ניט, מען קען ניט, דיא צייט איז פערביי.

דיא גליקליכע קינדהייט, מיין קינד, וועט פערגעהן
און שטורמיש וועט קומען דיא צייט פון פערשטעהן.
דאן אָה, מיין בייבילע, הויפט אן דאס הערץ,
צו שפירען, צו פיהלען פון ליידען, און שמערץ.

זעה נור מיין ליעבענקע, קוק זיך דאָרט אום,
וויא קליינינקע קינדערלאך לויפען ארום,
באָרוועס און נאקעט, מיט „פייפערס" ביין זייט.
דאָס יאָגט זיי, דאָס טרייבט זיי דער עלענד, דיא צייט.

צוריסען, צופראָרען, פערהונגערט, פערשמאכט,
זעה, לויפען זיי טעגליך פון פריה ביז ביי־נאכט
מיט פנים,לאך בלאסינקע — בלאס וויא דער טוידט —
זיי לויפען מיט „פייפער'ס" פערדיענען אויף ברויט!

אך! עלענדע קינדערלאך, עלענד וויא שטיין,
זיי דארפען שוין זאָרגען, פערדיענען אליין;
זיך פלאגען, און ליידען אין שטורם, אין ווינד —
אָט דאָס איז דער „שפּעטער" מיין ליעבליכעס קינד!

מען קלינגט מיט דיא גלאָקען; מען לויפט וויא אָהן זינן;
מען טרייבט שנעל דיא רעדער; מען יאָגט דיא מאשין;
מען ברענט זיך, מען שטיקט זיך אין רויך, און אין דאמפף—
אָט דאָס איז מיין בייבי, פון לעבען דער קאמפף.

און דיא וואָס דוא זעהסט דאָ, וואָס ליידען אָהן צאָהל,
אויך זיי האָבען גליקליך געדרעמעלט אמאָהל —
יעצט קען זיך ניט דרעמלען, נור—ארבייט געשווינד—
אָט דאָס איז דער „שפּעטער", מיין ליעבליכעס קינד.

ווערסט ווערען נור עלטער, ווערסט וויסען, ווערסט זעהן,
אז יעצטינער טרוים איז דיין בעסטער געוועזן.
טאָ שלאָף זיך מיין קינד — ביסט פון זאָרגען נאָך ווייט,
יעצט איז צום שלאָפען דיין טהייערסטע צייט.

1892

מיין ליעבסטעס ענטפער

ביינאכט, ווען דיא מענשהייט איז מיעד און פערשלאָפען,
און שטיל איז דיא גאנצע נאטור;
ווען אלץ איז פערהויעגט וויא אין זיסעסטען דרעמעל,
דאן זעה איך איהר שטאָלצע פיגור.

זיא קומט וויא א געטין פון העכערע וועלטען
וואו אלעס איז פריעדליך און פריי;
וואו אלץ איז בעדעקט מיט דיא גרין־רויטע דעקע
פון הערליכען, גלענצענדען מאי.

זיא קומט אין מיין צימער פאנטאסטיש געקליידעט,
און פרעגט מיר מיט זאָרג וואָס מיר פעהלט,
און פרעגענדיג ציהט זיא א פאָרהאנג פאנאנדער,
און ווייזט מיר איהר היים און איהר וועלט.

איך זעה דאָרטען טרוימען, פאנטאסטישע בילדער
געציהרט מיט דעם הערליכסטען קראנץ —
איך זעה דאָרט מיין האָפען, איך זעה דאָרט מיין שטרעבען,
פערווירקליכט אין אייביגען גלאנץ.

מיין הארץ הויבט אן שטורמען, עס רייסט זיך מיין זעעלע,
אהין, דאָרט וואו אייביג איז גרין —
איך בעט איהר, דיא געטין, זיא זאָל מיר דאָרט נעהמען,
זיא זאָל מיט מיר פליהען אהין.

דאָך אומעטיג שטעהט זיא און בליקט וויא מיט טרויער,
און ס'הייבט זיך איהר ברוסט אזוי ווילד —
און זיפצענדיג לייגט זיא איהר האנד אויף מיין שטערן,
און זאָגט צו מיר פריינדליך און מילד:

„מיין וועלט איז דיר אָפען, עס ליעבט דיר מיין זעעלע,
עס פינקעלט פאר דיר אויך מיין קרוין!
דאָך, פליגלען, מיין ליעבער, אהין, דאָרט צו פליהען,
דאָס מוזטו זיך שאפען אליין!...."

עראינערונגען

אָה, לאַבענדע קינדהייט, פאַנטאַסטישע יוגענד,
איהר גאָלדענע, גליקליכע שטונדען;
וואו זייט איהר, אָה זאָגט מיר, וואו זייט איהר פערגאַנגען?
וואו זייט איהר, וואו זייט איהר פערשוואונדען?

אליין, אין דעם שרעקליכען מדבר פון לעבען,
וואו ווינטען פון עלענדקייט בלאָזען;
אליין, אין דער מדבר פון פעלזען און שטיינער —
אך, דאָרטען האָט איהר מיך פערלאָזען!

דאָרט שטעה איך פערצווייפעלט און בליק צו די הימלען—
דיא הימלען מיט וואָלקען פערשוואָמען!
און איז נאָך צומאָהל ניט דער ערשטער אריבער,
דאן איז שוין א צווייטער געקומען.

זיי קומען מיט דאָנער, מיט שרעק און מיט שטורם,
מיט פינסטערע, טרויריגע שטונדען —
אָה, לאַבענדע קינדהייט, פאַנטאַסטישע יוגענד,
וואו זייט איהר, וואו זייט איהר פערשוואונדען?!

וויא האָט איהר מיך הויך, אין דיא הימלען פערטראַגען,
אונ דאָרטען מיין גליק מיר ענטזיגעלט;
איך בין דאן צוגלייך וויא אַן אָדלער געוועזען,
מיט אָדלערשע פליגלען בעפליגעלט.

איך בין דאן אין וועלטען פון זונען געפלויגען,
צווישען דיא גאָלדענע פונקען,
איך האָב דאן מיט ברענענדען, דורשטיגען פייער,
פון בעכער דער פריידע געטרונקען.

דאָך איצטער — וואו זיינען דיא מעכטיגע פליגלען?
וואו זיינען פון לעבען דיא קוואלען?
וואו זיינען דיא טרוימען, וואו זיינען דיא בילדער,
וואו זיינען דיא גלענצענדע שטראהלען?

וואו זיינען דיא זיססע פאנטאזיען פון לעבען,
וואָס האָבען מיר וועלטען געבאָרען?
וואו זיינען... נור, אך... יא, איך האָב זיי פערלאָרען
אויף אייביג און אייביג פערלאָרען!

און טרויעריג שטעה איך און בליק צו דיא הימלען,
וואָס זיינען מיט וואָלקען פערצויגען......
אָה לאכענדע, קינדהייט, פאנטאסטישע יוגענד,
וואו זייט איהר, וואו זייט איהר פערפלויגען?!!

דאס נייגעריגע קינד

„זעה נור פאָטער, דאָרט אין הימעל,
„ברענט א גרויסער, רויטער פייער,
„און ער ווארפט אזוי פיעל שטראהלען
„דאָ אויף אונזער ערד אראָפּ!
„ברענט דער פייער, איז דאן ליכטיג
„איבעראל, אָט וואו מען בליקט נור,
„קוים פערגעהט ער — דאן ווערט דונקעל,
„דאן ווערט פינסטער אויף דער ערד.
„זאָג מיר פאָטער, זאָג מיר גוטער,
„יענעם פייער וויא מען רופט?

„איך האָב געהערט פון פיעל דערצעהלען
„אז ביי אונז, דאָ, אויף דער ערדע,
„גיט א זאך, מען רופט עס „ליעבע",
„אייביג, אייביג איז זיא שעהן!
„אייביג זאָגט מען, איז דאָרט ליכטיג —
„דאָרטען, וואו נור זיא געפינט זיך,
„אָבער דונקעל, קאלט און קלעגליך,
„דאָרטען, וואו זיא איז ניטאָ.
„איז דאָס „ליעבע" „יענער פייער"?
„ניין מיין קינד, דאָס איז דיא זונן!"

„און ווען דיעזע „זונן“ געהט אונטער,
„ווערט דאן פינסטער — און אין הימעל,
„שטייגט ארויף א צווייטער פייער —
„אויך זאָ רונד און מילד — נור בלאסס.
„און אויף איהם איז אָבגעזיגעלט,
„וויא דער פנים פון א מענשען;
„און ער וואנדעלט, וואנדעלט שווייגענד,
„און פערגעהט דאָרט אין דער הויך!
„איז דאָס ליעבע „יענער בלאסער“?
„ניין מיין קינד, דאס איז דער מאָנד!

„און אָט דאָרטען, אויף א לאָנקע,
„זעה איך שטעהט א קליינער בוימעל,
„און אויף זיינע דינע צווייגלעך,
„היינגען קווייטען אלערליי;
„און ער שטעהט דאָרט שטאָלץ, און
פריעדליך,
„אָנגעקליידט אין גרינע בלעטלאך,
„און עס פאלען פון איהם טראָפּענס,
„און עס שמעקט פון איהם זאָ רייך.
„איז דאָס ליעבע „יענער בוימעל“?
„ניין מיין קינד, דאָס איז א בלום!

„און — אָה פאָטער, וואָלט איך וויסען,
„יענעם אָרט, אָט וואו דיא ליעבע
„שיינט און מאכט זאָ ליכטיג, פרעהליך —
„אך! ווי גוט מיר וואָלט געווען!

„שטענדיג וואָלט איך דאָרט געלאָפען,
„זיך געשפּיעלט מיט איהרע שטראַהלען,
„און — אָה פאָטער, זאָג מיר גוטער,
„זאָג מיט, וואו דיא ליעבע וואָהנט!
„ווילסטו קינד דיא ליעבע טרעפען?
„זוך איהר אין דאָס מענשען הארץ!

„אין—דאָס מענשען הארץ?—אה פאָטער!
„דאָרטען וואָהנט דיא שעהנע ליעבע?
„דאָרטען שיינט זי?—אך, וויא ליכטיג,
„אך, וויא שעהן עס מוז דאָרט זיין!
„אָבער דאָך, איך האָב געהערט דאָ,
„שוין דערצעהלענדיג פון פיעלע,
„אז דיא אללע, אללע מענשען,
„האָבען גאָר קיין הערצער ניט!
„איז דאָס אמת?—זאָג מיר פאָטער,
„זאָג מיר וואו דיא ליעבע שיינט!

דיא צוויי סטרונעס

עס גיעבען צוויי סטרונעס אין הארצען,
וואס שפיעלען אין צוקונפט אריין;
זיי זיינען דיא שיצער פון לעבען,
זיי זיינען דיא היטער פון „זיין“.

האָפען און שטרעבען — דאָס זיינען
דיא גאָלדענע סטרונעלאך צוויי,
און וועה איז דאָס מענשליכע לעבען,
ווען איינע צורייסט זיך פון זיי!

דער שטומער ענטפער

גייסט:

נון מיין קינד, אין אלע וועלטען
האסטו פארשענדיג פערבראכט:
אלעס האב איך דיר געוויזען,
אלעס האט דיין אויג בעטראכט.
יעצט פערלאנג פון מיר דאס העכסטע,
און דיין ווילען זאל געשעהן!

קינד:

פאטער, ווייז מיר נאך דאס איינע
וואס איך האב נאך ניט געזעהן.

גייסט:

רייד מיין קינד, און דאס, וויא אלעס,
זאלסטו זעהן אין קלאהרען שיין —

קינד:

ווייז מיר, ווייז א מענשען הארץ,
וואס דארטען זאל קיין וואונד ניט זיין...

* * *

שטיל, דער גייסט שטעהט טיעף געבויגען;
מאכטלאז פאלט פון איהם זיין קרוין,
און דיא הימלען, און דיא געטער —
אלע זיפצען מיט געוויין.

בינקשאַפט

(אין וואלד)

אין וואלד איז צויבעריש! עס מורמלען טייכעלאך,
אונ דוכט מיר האָבען זיי אזוי פיעל מוטה;
עס זינגען פויגעלאך זאָ ליעב, און אנגענעהם,
עס זינגט דיא נאכטיגאל זאָ זיס און גוט;

זיי זינגען ליעדער זיך, דיא ליעדער מונטערע,
דיא ליעדער וועלכע וועקען לעבענס לוסט,
און ברייגגען טרויסטונגען, און פלאנצען האָפענונג,
אין יעדע שטערבענד שוואכע מענשען ברוסט;

זיי זינגען ליעדער זיך — אָה, געטער הימלישע,
וויא ליעב, און אנגענעהם איז יעדער טאָן!
איך פיהל זיי וועקען מיך, איך פיהל זיי רופען מיך,
און גיסען פול מיין הארץ מיט פריידע אָן.

אין ווינטלאך שטילינקע, און ווינטלאך דופטענדע,
זיי לויפען זשומענדיג מיר אָפט פערביי;
און טאנצענד קומענדיג, דאן דוכט מיר ריידען זיי,
פון פריהלינג ליעבליכען, פון שעהנעם מאי.

מיר דוכט זיי ריידען זיך פון צייטען גליקליכע,
און לויפען הין און הער ארום געשווינד;
און וויעגען זינגענדיג דיא יונגע צווייגעלאך,
זאָ צערטליך וויא א מוטער וויעגט איהר קינד.

דאָך פיהל איך ס'פעהלען מיר דיא איינציג־טרויסטענדע,
וואָס קענען רוהיג מאכען מיר מיין הערץ;
מיר פעהלען מענשען דאָ, איך האָב דאָ קיינעם ניט
מיט וועמען זיך צו טהיילען פרייד און שמערץ;

מיר פעהלען מענשען דאָ — דיא מענשען פריינדליכע,
דיא מענשען גליקליכע מיט יענעמס גליק;
מיר פעהלען מענשען דאָ — איך האָב דאָ קיינעם ניט,
זיך צו בעגריסען מיט א צארטען בליק;

מיר פעהלען מענשען דאָ—נור אך! וואָס הער איך דאָרט?...
איך הער א שטיממע קלינגט מיט שמערץ און פּיין:
„דו ביינקסט נאָך מענשען פריינד? אָה! מענש אונפּראַק־
טישער,
„אך בעסער, בעסער צווישען שטיינער זיין!

„דיר פעהלען מענשען פריינד... אָה, מענש דו גליקליכער!
„דיר פעהלט דער עלענד און דער טיעפּסטער שמערץ;
„דיר פעהלט דער בליקען פרייד?.. דיר פעהלען שפּיזען נור,
„וואָס זאָללען אייביג לעכערען דיין חערץ....

„דו זעהסט קיין מענשען ניט—דו זעהסט קיין שלעכטיגקייט
‚דו זעהסט קיין מערדער און קיין ברודער בלוט;
„דו זעהסט קיין מענשען ניט — דו זעהסט קיין
שענדליכקייט,
„אָה, מענש דו גליקליכער, וויא דיר איז גוט!...

* * *

אָה! פריינד געליעבטער מיין, איך הער דיין טרויער קלאנג,
איך הער דיין שטיממע מיט דעם טיעפסטען שמערץ:
דאָך עפּעס ביינקט זיך מיר, איך פיהל זאָ אומעטיג,
מיך ציהט אהין — אהין, צו זיי, מיין הערץ.

קינדער טרעהרען

(מיין טאָכטער רחל געווידמעט)

אַנגעטרונקען מיט פּערפיומען,
קומסטו יעצט דו פרייער ווינד;
קומסט געווים פון בלומען פעלדער,
האָסטו דאָרט געזעהן א קינד?
דאָרטען, אויף דיא גרינע לאָנקעס,
איינגעהילט אין זאָננען שיין —
דאָרטען דארף מיין קינד זיך שפּיעלען,
דאָרטען דארף מיין קינד יעצט זיין.

ווי א רובינען, וויא בריליאַנטען,
שפּיעגעלט זיך איהר בילד פאר מיר;
און מיט כוחות פון אָרקאַנען,
רייסט זיך יעצט מיין הארץ צו איהר.
טראָג מיך ווינד, אָה! טראָג מיך שטירמיש
דאָרטען, דאָרטען צו מיין קינד,

....

און מיט צערטליכקייט, און ליעבע
האָט געענטפערט שטיל דער ווינד:

„כ׳קען ניט דיין קינדעלע,
„ווייס גאָר איהר נאָמען ניט,
„אָבער א מיידעלע
„האָב איך געזעהן;
„זינגענדיג, לאַכענדיג
„איז זיא געלאָפען דאָרט,
„שעהן וויא א מלאך׳ל,
„איז זיא געוועזן.

„לאָקענד׳לאך גאָלדיגע,
„האָבען געוואָרפען זיך
‚אויף איהרע שולטערלאך,
„ליעבליך און פריי;
„און איהרע בעקעלאך,
„בליהענדע, גליהענדע,
„זיינען געוועזען וויא
„בלומען אין מאי.

„איז זיך געלאָפען דאָרט
„פאפא בעגעגענען;
„פרעהליך געטראָגען איהם
„בלומעלאך פיעל;
„איז אָבער פאפא, צו
„איהר ניט געקומען דאן,
„איי זיא געוואָרען
„פערוואונדערט, און שטיל.

„און אין דיא אויגעלאך —
„טרעהרען צוויי בלישטשענדע,
„האָבען זיך פלוצלינג
„בעוויזען אין זיי;
„האָב איך בעהאלטען זיך
„אין איהרע לאָקען, און
„האָב אָבגעגנב'עט,
„דיא טרעהרעלאך צוויי.

„איצטער... דאָס אייל איך מיר,
„טראָג זיי אין הימעל רייך,
„דאָרטען זיי פאסען
„אין קרוין דער נאטור;
„ווייל פון דיא קינדערשע
„רייניגקע טרעהרעלאך,
„ווערען בעשאפען
„מלאָכים'לאך נור.“

א בייבי

א בייבילע, א בייבילע,
זאגט, ווייסט איהר וואס דאס איז?
דאס איז א פריידען מלאך׳ל
פון הימעל פאראדיז;
דאס איז א פריידען פויגעלע,
פון ליעבעס רייכסטען זאאל;
דאס איז דיא שעהנסטע בלימעלע
פון לעבענס בלומען טהאלל!

א בייבילע — וויא שעהן זיא איז,
וויא הימליש איז איהר פראכט —
אט זעהט, דא זיצט א בייבילע,
זיא שפיעלט זיך און זיא לאכט.
דיא אייגעלאך, איהר מיענעלע,
בעגאססען פול מיט חן;
דיא הענטעלאך, דיא פיסעלאך —
וויא ליעב און װאונדער שעהן!

זיא זיצט זיך אין איהר וויעגעלע,
אין וואהרען פריידען קוואלל;
זיא רוהט ניט איין, זיא צאפּעלט זיך,
זיא שפּיעלט זיך מיט א שטראהל;
זיא שפּיעלט זיך מיט א זאָננען שטראהל,
וואָס פאלט פון הימעל, גלייך
ארונטער אין איהר וויעגעלע —
אין בייבים הימעל רייך.

זיא זיצט זיך אין איהר וויעגעלע,
וויא ליעב איז איהר געמיטה!
דיא בייבי, איז זאָ גוט און זאנפט,
זיא ווייס פון שלעכטעס ניט.
זיא מאכט א זיססע מיענעלע,
זיא ווינקט, זיא גיט א לאך;
זיא שפּיעלט זיך מיט דיא פינגערלאך,
און — דאָס איז בייבי שפּראך!

און זעהט דאָרט זיצט א מוטער׳ל,
נאָך יונג, דאָך אָהנע מוטה;
זיא אָטהעמט שווער, עס דריקט איהר וואָס,
זיא פיהלט געוויס ניט גוט;
עס דריקט געוויס אין הארצען איהר,
א טיעפער שמערץ און פּיין —
דאָך טראָגט איהר צו איהר בייבילע,
זיא וועט שוין מונטער זיין.

זיא נעהמט איהר אויף דיא הענד ארויף,
מיט פרייד און לעבענס לוסט;
זיא קושט איהר אָן, זיא רעדט צו איהר.
און דריקט איהר פעסט צום ברוסט.
און בייבים קליינער קערפער'ל
ער צאפעלט זיך פון פרייד;
און זיא, דיא מוטער קריינקליכע,
פארגעסט אָן איהרע לייד!

*　*　*

א בייבילע, א בייבילע,
אָה! ווייסט איהר וואָס דאָס איז?
דאָס איז א פריידען מלאך'ל,
פון הימעל פאראדיז;
דאָס איז א פריידען פויגעלע,
וואָס מאכט פערגעסען שמערץ —
דיא בייבילאך, זייא בויען אויף,
א הימעל אין מיין הערץ!

מאַי

מוטהיג פריינדע, שוועסטער, ברידער!
שטאָלץ, פון נאַהנט און וויט,
לאָמיר זינגען וויעדער ליעדער,
פון דער בלומען צייט;
ווייל דיא שנעען, קעלט און רעגען
זיינען שוין פערביי,
און געקומען איז מיט זעגען,
אונזער ליעבער מאי.

אויף דיא הויכע בערגער־שפיצען,
און אין טיעפען טהאל,
לייכטען, שיינען, שפריצען, בליצען
גלאַנץ און זאַננען שטראהל.
און אללע ווילע פויגעלאך,
זעהט, פליהען אונז פערביי,
און ווינקען מיט דיא אייגעלאך,
צו אונזער ליעבען מאי.

אין דיא וועלדער, מעלאָדיען
הערט מען שוין צוריק;
בלומען, שוואלבען, בליהען, פליהען,
וואו מען גיט א בליק.
און אויף דיא צווייגען בלעטלאך,
זעהט, שפּראָצען פון דאָס ניי!
דאָס זיינען ליעבע צעטלאך,
צו אונז פון ליעבען מאי.

דיא פערפאלגטע

און אומעטיג בין איך געזעסען,
  געטראכט פון דעם וועלטליכען פיין,
און פלוצלינג, א שטאָלצע פיגורע
  איז שטיל אין מיין צימער אריין.

אין טרויער — אין שווארצען געקליידעט,
  און האָט עפּעס שרעקען געפיהלט;
און שווער איז איהר פנים געוועזען
  מיט דונקעלע שאאלען געהילט.

איהר ברוסט האָט זיך שטירמיש געהויבען,
  וויא דאָרט וואָלט א פייער געברענט;
און פון איהרע שטירמישע זיפצער,
  אך, האָבען געציטערט דיא ווענט!

איהר אנבליק, איהר שמערצליכער אויסזעהן,
  האָט טיעף מיין נשמה געפּלאגט.
דאָך באלד אָבער האָט דיא פיגור, מיט
  א וויינענדע שטיממע געזאָגט:

„ערוואך פון דיין דרעמעל, ניט טרוים פון בוקעטען,
„אן עלענדע שטעהט ביי דיין טיהר!
„איך קום צו דיר פאללען, איך קום ביי דיר בעטען:
„האָב מיטלייד, האָב מיטלייד מיט מיר.

„ערוואך פון דיין טרוימען, און טהו דיינע פפליכטען.
„הער אוים דאָך מיין ביטערען גזר:
„מען וויל מיך פעריאָגען, מען וויל מיך פערניכטען.
„מיין לעבען אָה, שטעהט אין געפאהר!

בעהאלטען אויף קברים און וועלדער נור פוסטע,
„דאָרט ליעג איך סאי טאָג און סאי נאכט;
„אין פעלדער, אין היילען גאנץ ווייט, אונבעוואוסטע,
„דאָרט האָב איך מיין לעבען פערבראכט.

„דאָרט ליעג איך אין עלענד פון אללעם ענטריסען,
„און וויין אויף מיין ביטערע נויטה;
„ניט איינער קומט טרויסטען מיך, פריינדליך בעגריסען,
„בין אייביג פערהאסט ווייא דער טוידט.

„און ווען איך צוברעך פון מיין עלענד דיא ציילען,
„און ווייז זיך אמאָל פאר׳ן ליכט —
„דאן קומען טיראנען מיט גיפטיגע פיילען,
„און לעכערען דורך מיין געזיכט.

„מען וויל מיך ערמאָרדען—מיט שפּיזען דערשטעכען.
„אָה גאָטטער! וואָס זייט איהר זאָ שטום!?
„איך וויים פון קיין אונרעכט, איך קען קיין פארברעכען,
„איך וויים ניט, איך וויים ניט וואָרום!"

און מאכטלאָז צו באָדען געפאלען,
און ביטערליך האָט זיא געוויינט.
דאָך באלד איז זיא שפּראכלאָז געבליעבען —
איהר הארץ איז געוואָרען פערשטיינט.

און האָט זיא דיא דונקעלע שאאלען
אראָפּגערוקט פון איהר געזיכט —
דאן איז באלד דער צימער געוואָרען,
בעשטראהלט פון א הימלישע ליכט.

דיא אויגען — וויא שטערען געפינקעלט,
דיא לאָקען פון גאָלד'נעם קאָליר;
א הימלישע בלענדענדע שעהנהייט —
מיין הארץ האָט געצויגען צו איהר.

ווער ביסטו דוא הימלישע געטטין —
האָב איך איהר מיט שטוינען געפרעגט?
אז זיא איז דיא עלענדע וואָרהייט
האָט זיא מיר ענדליך ענטדעקט.

יוגענד און עלטער

מיין הארץ איז א זומער געוועזען,
דאָרט האָבען פיעל שטראהלען געגליהט;
דאָרט האָבען פיעל קוואללען געפלאָסען,
און דופטענדע בלומען געבליהט.

מיין הארץ איז א ווינטער געוואָרען,
און אלץ איז דאָרט קאלט און פעראָסט;
דאָרט שטורמען שוין שניידענדע ווינטען,
באלד קומט שוין דער אייביגער פראָסט!

ווייל צוריקענט איז איהר גרונט

אויף א בערגעל שטעהט א בלום
טיעף געבויגען,
אויסגעצויגען,
שטיל און שטום;
און זיא אטהעמט, אטהעמט שווער,
און עס פאלט פון איהר א טרעהר.

און איך פרעג איהר: זאָג מיר בלום:
ביזט פערפרוירען,
ביזט בעקומערט,
זאָג, ווארום?
פעהלט דיר זונן־שיין,? פריהלינגג'ס פראכט?
....
און זיא ענטפערט שטיל, און זאכט:

„יא, עס פאללען"
„זוננען שטראהלען
„אויך אראָפּ,
„אויף מיין קאָפּ;
„נעהם אויך איין
„זייער שיין,
„דאָך, דאָס פאללען

„פון דיא שטראהלען,
„גיט מיר פיין.

„ווייל מיין גרונט איז שוין צוטריקענט,
„און איך קריעג קיין לעבענס קראפט —
„און דיא רייכע זוננען שטראהלען,
„זייגען אוים מיין לעצטען זאפט.“

דיא שטילע לויה

דער הימעל האָט זיין ליכטיגקייט
אין שווארצע וואָלקען איינגעהילט;
און אלעס איז זאָ טרויעריג
פערוויעגט אין דער נאטור!
דיא בלימעלעך, זיי דופטען ניט,
זיי שטעהען וויא פעראומערטע;
דיא פויגעלאך, זיי זינגען ניט,
מען זעהט פון זיי קיין שפור.

עס שפרייטען שווארצע וואָלקען זיך
אלץ מעהרער אין דעם הימעל־רוים,
און רייסען פון מיין הארץ ארויס
פיעל זיפצער און געוויין;
זיי וועקען אלטע שמערצען אויף—
דאָך, טיעף אין דיעזער עלענדקייט.
אין דיעזען גרויסען טרויער ים,
דאָ וואנדעל איך אליין.

איך וואנדעל, וואנדעל זוכענדיג
א טרויסט, א שפור פון ליכטיגקייט,
וואָס זאָל אין מיר פערלייכטערען
מיין טיעפען, טיעפען שמערץ!

וואָס זאָל מיין גייסט ערהויבען נאָך—
און... פּלוצלינג, טרויסטונג זוכענדיג,
ערקלינגט פאר מיר א טרויער שטים,
וואָס רייסט נאָך מעהר מיין הערץ.

איך וואַרף דיא מיעדע בליקען דאָרט,
אהין — פון וואו דיא שטימע קומט,
פּיעלייכט וועל איך בעמערקען וואו
א וועג — א מענשען שפּור;
פּיעלייכט... און באַלד דערזעה איך דאָרט
א שווארצען וואָגען ראָלענדיג,
בעגלייטעט פון א טרויעריג
פערשלייערטע פיגור.

איך שטעה און בליק מיט הערצענ'ס וועה,
אויף יענעם שטיללען טוידטען־צוג
און טרעהרען פיהל איך, קייקלען זיך
ארונטער אויף מיין ברוסט;
איך פיהל דעם טיעפען עלענד דאָרט,
פון יענעם, שוין פערשטאָרבענעם,
וואָס האָט געוויס זיין לעבענס־טאָג
פון לעבען ניט געוואוסט!

געווים געווען אן עלענדער,
וואָס האָט קיין היים, קיין רוה געהאט,
און שטענדיג פלעגט ער פלאגען זיך
אין ארמוטה און אין נויטה;
געווים האָט ער קיין פריינד געהאט,
וואָס זאָלען טרויסטען, העלפען איהם,
און איצטער.... אך! זיין ארון איז
פון איינע נור בעגלייט!

און זיא, דיא שווארץ-געשלייערטע?
דאָס מוז געווים זיין מוטער זיין —
וויא ביטער און וויא שמערצליך איז
איהר יאממער און געוויין —
זיא פיהרט געווים אין קבר יעצט
איהר קינד, איהר זוהן איהר איינציגען,
וואָס האָט אין שמערץ פערלאָזען איהר
זאָ עלענד וויא א שטיין!

עס ראָללט דער שווארצער וואָגען דאָרט,
דיא שווארצע וואָלקען שפרייטען זיך,
אוןווארפען שרעק און פינסטערניס
אויף אללעס רונד ארום;

און איך — איך בליק מיט שמערץ אהין,
און... ענדליך הער איך רופענדיג,
א שטיממע הער איך רופט צו מיר:
„אָה קום מיין פריינד, אָה קום!“

„וואָס שטעהסטו פריינד פון וויטען דאָרט,“
„און בליקסט אויף מיר זאָ טרויעריג?
„זאָג, בין איך דען שוין פרעמד פאר דיר?
„זאָג, ווייסט ניט ווער איך בין?
„אָה פריינד, איך בין דיין יוגענד דאָך,
„אָה קום, אָה קום געזעגען זיך,
„אין שווארצען וואָגען פיהר איך דאָ
„דיא האָפענונגען דיינ'!..“

מוזע'ס טרעהר

אָ מוזע, מוזע ליעבע,
איך זעה דוא פיהלסט א שמערץ;
אָ זאָג מיר הימעל־שעהנע,
וואָס דריקט אין דיר דיין הערץ?

איך וויים דוא ביזט דאָך פרעהליך
און אימער פול מיט לוסט —
און היינט... נאָר זאָג מיר ליעבע
וואָס דריקט אין דיר דיין ברוסט?

מוזע:

איך האָב א זוהן געבוירען,
איך האָב איהם היים געליעבט;
דאָך וועה אָ וועה, דער יונגלינג,
ער האָט מיין זעעל׳ בעטריעבט!

ער האָט מיין גייסט פערראומערט,
האָט טיעף מיין זעעל׳ געפלאגט —
מיין זוהן, ביי זיין געבוירען,
האָב איך צו איהם געזאָגט:

אָ זוהן געליעבטער מיינער,
איך שענק דיר א קלאוויר;
דאָך שפּיעלען זאָלסטו דאן נור,
ווען איך וועל זיין מיט דיר;

ווען דוא וועסט זיין אין אָרעם
פון מיר, דיא מוטער דיינ׳,
דאן, אלץ וואָס דוא וועסט שפּיעלען,
וועט רייך און הימליש זיין.

דאָך יעצט... וויא טיעף דער וועהטאָג!—
קוים לאָז איך איהם אליין —
(איך האָב דאָך מעהרער קינדער.
און מוז צו זיי אויך געהן.)

דאן הער איך ווילדע טענער
ערקלינגט פון זיין קלאוויר;
דאס שפּיעלט מיין זוהן, דער יונגלינג —
מיין זוהן אָך, שפּיעלט אָהן מיר!

ער שפּיעלט — און זיינע טענער,
פעראורזאכען מיין שמערץ;
דאָס דריקט אין מיר מיין זעעלע,
דאָס פּרעסט אין מיר מיין הערץ!

דאס אייביג ווייטע

עס שטעהט זיך דער יונגלינג ביים ריעזיגען בארג,
און וואַרפט אויף איהם פאַרשענד זיין בליק;
ער בליקט אין דער הויך, און ער מורמעלט גאנץ שטילל:
„וויא גרוים אך, וואָלט זיין דאן מיין גליק,
„ווען איך וואָלט דערגרייכען דעם שפּיץ פון דעם בארג —
אך! וואָלט איך דאָרט קענען נור זיין —
„איך וואָלט מיט דיא הענד דאן דעם הימעל דערגרייכט,
„איך וואָלט דאן אין הימעל אריין...

* * *

גאנץ הויך, אויפ'ן שטאָלצען, און ריעזיגען בארג,
וואָס איז וויא מיט הימלען געקרוינט —
דאָרט שטעהט זיך דער יונגלינג געבויגען דעם קאָפּ,
און טרויערט און מורמעלט פערדרויינט:
„נון שטעה איך שוין הויך אויף דעם שפּיץ פון דעם בארג,
„דאָך, וואו איז פון הימעל דיא טיהר?...
„איך בין פון דער ערד אזוי ווייט, אזוי הויך!
„נאָך העכער דער הימעל — פון מיר!...

האפענונג

א דינינקער פאָדים — פון לעבען דער קנייט;
פון גאָרניט מיט גאָרניט צוזאַמען געדרעהט.
און לאָזט איהר דעם פאָדים א ווײלע נור אָפּ,
דאן פאלט איהר אין אבגרונד וויא שטיינער אראָפּ.

*　*
*

שעצט איהר דיא האָפנונג, איהר צויבער, איהר פראכט,
בעזעעלט אייער זעעל' און בעלעבט אייער מאכט,
און דאן, ווען עס שלאָגט שוין דיא לעצטע מינוט,
דאן קומט זי און טרייסט אייך, און גיט אייך נאָך מוטה.

מיר שרעקט ניט דיא נאכט

מיר שרעקט ניט דיא נאכט
מיט איהר אומעט און פלאָג.
איך ווייס, אז נאָך איהר
וועט באלד קומען דער טאָג.

דאָך שרעקט מיר דער טאָג
מיט זיין צויבער און פראכט.
איך ווייס, אז נאָך איהם
וועט באלד קומען דיא נאכט! . . .

טוידט.

„איך בין דער קעניג פון דער ערד!
„איך האלט ענטבלויזט מיין בלאנקע שווערד;
„און וואו איך געה, און וואו איך קום —
„דאָרט מאך איך אלעם שטיל און שטום;
„דעם פיש אין ים, אין וואלד דעם ב.ים,
„דעם פויגעל אין דעם העכסטען רוים,
„דעם פייגלינג וויא דעם מענשען־העלד,
„דיא שעהנסטע, ליעבסטע בלום אין פעלד;
„און אויך דעם וואָרים, טיעף אין דר'ערד,
„דערגרייך איך מיט מיין בלאנקע שווערד!"

„איך האָב קיין הארץ, מיך ריהרט קיין טרעהר!
„איך טהו אלץ פריי, לויט מיין בעגעהר;
„איך רייס, איך שנייד, איך צופּ, איך שעכט —
„דאָך קיינער האָט מיין קרוין פערשוועכט...
„איך פיהל קיין קרעכץ, קיין זיפץ, געוויין,
„איך האָב קיין הארץ, איך בין וויא שטיין,
„און בין דער הערשער פון דער וועלט —
„פאר מיר איז קיין זאך ניט פארשטעלט,
„מיין מאכט איז גרויס, מיין פליעגעל — ברייט...
„איך בין דער וועלטען שרעק — דער טוידט!"

זונען ווערען ניט פערלאשען.

נאכט! דער הימעל איז פערצויגען
מיט א דיקע ,שווארצע דעק,
און דער וואלד, מיט זיינע סודות,
ווארפט ארויף אויף מיר א שרעק.

ווארף מיין בליק אין הויכען וועלט רוים,
דאָך, איך קריעג קיין טרויסט דערפון;
און איך מורמעל אין פערצווייפלונג:
אויסגעלאָשען איז דיא זונן!

און א שטימע, הויך און קלינגענד,
הער איך פלוצלונג פון דער ווייט:
„זוננען ווערען ניט פערלאָשען —
שטראהלען ווען עס קומט דיא צייט.“

צו א פעסעמיסט

דו ביסט פעסימיסטיש? דיא וועלט איז דיר פינסטער?
דו האָסט גאָר צו ליעבע, צו לעבען קיין לוסט?
אך! עלענדער פריינד מיין, דיר האָט נאָך א מוטער
געווים ניט געדריקט צו איהר צערטליכע ברוסט;

ווייל יעדוועדער צערטליכער דריק פון א מוטער,
איז גלייך צו אן אייביג־אונשטערבליכע בלום,
וואָס דופטעט מיט האָפפען, און אטהעמט מיט ליעבע,
און גיסט אָן דאס לעבען, מיט לעבענס פערפיום.

דאָס אייביג לעבענדע

אָה! פיהר מיך פריינד, צו יענעם קבר.
אָה קום, איך וועל דאָרט לאנג ניט שטעהן;
איך בין זאָ שוואך, איך בין זאָ קריינקליך,
דאָך, אך! איך מוז, איך מוז דאָרט געהן!

איך מוז דאָרט געהן — איך קען ניט רוהען!
מיין הארץ ווערט פול מיט וועה און ווינד,
אָט יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך,
אָן איהר, דאס אָרים, עלענד קינד.

דאס אָרים קינד — וויא שווער זיא ליידעט!
וויא אינערליך, וויא טיעף איהר שמערץ!
אך! נאָך אין איהרע קינדער יאָהרען,
וויא בלוטעט שוין איהר יונגעס הערץ!

איהר יונגעס הערץ — אָה וועלט, וויא קלעגליך!
וויא מוז דיין זעעלע זיין פערשטווינט
אז שוין א קינד, זאָ יונג און צערטליך,
מוז אייביג זיצען דאָ פערוויינט.

זיא וויינט, און ווארפט איהר בליק צום הימעל,
און טרעהרען פאללען אהן א שיעור —
דער הימעל — הויך, און קאלט — דיא ערד, און —
דיא מענשען — קעלטער נאך צו איהר!

קיין גוטען ווארט, קיין פרייע מיענע,
ניטא פאר איהר קיין פריינד אין נויטה!
איהר פאטער ליעגט פון וויין בעטרונקען —
איהר גוטע, טרייע מוטער, טוידט.

דיא מוטער טוידט! — דיא פאטער־ליעבע,
פערשוואונדען וויא דער מארגען־טהוי,
און טרוימענד ליעגט ער יעצט געזונקען,
אין ארעם פון אן אנדער פרוי.

ער הערט ניט מעהר זיין קינד'ס געשרייען,
איהם קימערט ניט זיין קינד'ס געוויין;
אה פיהר מיך פריינד, אה פיהר מיך דארטען,
אהין, צו יענעם קאלטען שטיין.

אהין, וואו ס'ליעגט דיא טרייע מוטער
פון איהר, וואס ליידט דעם וועלטען שטראף —
איך וועל דארט צו איהר קבר פאללען,
און וועקען איהר פון טוידטען שלאף.

און זאגען, אז איהר קינד איז עלענד,
און ליידט וואוהין זיא געהט און שטעהט —
איהר מוטער וועט איהר קבר רייסען,
און לויפען צו איהר קינד אין נויטה.

איהר מוטער... אך!... נור וואָס?... געשטאָרבען?
איהר הארץ איז טוידט? אָה ניין! בעהיט!
א מענשען־הארץ קען אפטמאָל שטארבען —
א מוטער־הארץ, שטארבט קיין מאָל ניט!

א מוטער ווען זיא הערט נור קרעכצען,
איהר קינד, פון אונטערן שווערען רוט;
דאן עפענט זיך איהר הארץ אין קבר,
און ס'טריפט פון דאָרטען הייסע בלוט.

* *
*

אָה פיהר מיך פריינד, אָה פיהר מיך דאָרטען,
דורך קעלט, דורך דונער, בליטץ און ווינד —
איך וויל א מוטער געהן דערצעהלען
אז ס'וויינט איהר אָרים, עלענד קינד!

דאס לעבען

...און וויא ליעבע, איז דאס לעבען,
איבערבליבען ער רייך און מילד;
בליקט איהר אבער אין איהם טיעפער,
זעהט איהר דאן א שרעקענס בילד —

גרויסע דערנער, שארפע פעלזען,
ליעגען טיעף אין איהם צושפרייט;
און דער לעבענס־וואנד'רער בלוטעט,
ביז ער פאלט אניעדער טוידט.

אין דולהויז

דאָ הערט מען דעם אונגליק'ס פערביטערטסטע טרעלען,
דאָ פלאַקערט דער שמערץ, ווי מיט טויזענדער פלאַמען;
דאָ קומען זיך אימער, און אייביג צוזאַמען,
פיעל זיפצענדע הערצער, און קרעכצענדע זעעלען!

דאָ שפּריצען פאַנטאַנען פון אימה, פון שרעקען,
דאָ וואַנדלען פערחלום'טע טרויער געשטאַלטען,
וואָס קענען דיא מעכטיגסטע פעלזען צושפּאַלטען
און לאַכענדע הימלען מיט טרויער בעדעקען.

דער מענש

(אלס קינד און אלס מאן)

א בייבי, אַט גלייך וויא זיא ווערט נור געבאָרען,
דערהערט מען שוין באלד איהר געשריי;
דיא בייבי, זיא רוהט ניט פון כעס, און פון צאָרען.
און זעהט נור, וואָס שרייט זיא אזוי?

עס העלפט ניט דער וויעגען, דיא זיססע געזאנגען,
דיא בייבי, פערלאנגט וואָס איהר פעהלט!
זיא פיהלט אינסטינקטיוו שוין דאס רעכט צו פערלאנגען,
צו לעבען, געניסען דיא וועלט.

* * *

זעהט דאָרט אין איינגען, און שמוציגען צימער
אן ארבייטער עלענד, פערשמאכט;
זיין הארץ איז פארביטערט, אַט היינט פונקט וויא אימער,
זיין פנים איז פינסטער וויא נאכט.

צובראָכען, צושטאָכען זיין יעטוועדער אבר,
דאָך שקלאפט ער אין היטץ און אין קעלט,
און דאָרטען, אין שמוציג לעבענדיגען קבר,
פערברייננגט ער זיין לעבען, זיין וועלט!

* * *

אך! ליידענדער, ליידענדער דו אלס א בייבי,
דאן האָסטו געפאָדערט דיין רעכט,
און יעצט אלס א מאן, שוין מיט קראפט, און מיט שכל —
יעצט ביסטו געדולדיג א קנעכט!

צו א פריינד

דיין שטאָלץ איז פערוואונדעט? אָה, וויין ניט מיין פריינד.
דארפסט טרעהרען אום דעם ניט פערגיסען —
דיא וואונד וועט פערהיילען, דיין שטאָלץ וועט זיין גאנץ,
קוים איז נור געזונט דיין געוויסען!

דו פרעגסט וואס איך בין ?

דוא פרעגסט וואָס איך פיהל, וואָס איך דיינק וואָס איך בין?
אָט אלץ וואָס מיין מוטער— אין הארץ און אין זינן,
ווייל אלץ וואָס א מוטער קושט איין אין איהר קינד,
דאָס קען ניט פערניכטען דער שרעקליכסטער ווינד...

פריינדין, מעגסט דיא זאָננע גלויבען.

פריינדין, מעגסט דיא זאָננע גלויבען,
ווייל קיין פאלשקייט ווייס זיא ניט;
אויך דיא מענשען זאָלסטו שעצען,
אָבער גלויבען — אייל זיך ניט!

ווייל דיא מענשען זיינען קינסטלער
אלץ צו מאכען גלאט און פיין;
ווילסטו פריינדין מענשען קענען?
בליק זיי דאן אין הארץ אריין!

ניט צו שעהנע ווערטער פריינדין

ניט דיא שעהנע ווערטער, פריינדין,
דארפען נור דיא ראָללע שפּיעלען;
ווערטער זיינען בלויז דיא שיידלאך
פאר געדאנקען און געפיהלען.

אין דיא שעהנע, רייכע ווערטער,
קען מען אָפט מאָל גיפט געפינען,
און אין פּראָסטע ווערטער — דאָרטען
ליעגען זעהער אָפט רובינען.

צו די יונגע שיפער

(אויף א חתונה)

און אללעס איז ליעבליך, און רייצענד אין זאאל,
עס פינקלען די גלענצענדע ליכטער;
און וואו נור מען שטעהט, וואו מען בליקט — איבעראלל,
דארט פינקעלט א גאלדענער, גליקליכער שטראהל,
עס שטראהלען די מענשען געזיכטער;
און דארט, אויף דער ביהנע, דארט הילכט די מוזיק,
און גיסט אין די הערצער געפיהלען פון גליק.

עס טאנצען די פרעהליכע פאארלאך ארום,
בעגלייטעט פון הימלישע קלאנגען;
און יעדערער איז וויא בעטהויט מיט פערפיום,
און טראגט אויפ'ן הארצען א דופטענדע בלום,
און זינגען זיך זיסע געזאנגען.
דאס איז זיא, די יוגענד, דאס ווייזט זיא איהר מאכט,
דאס איז זיא, געקליידעט, אין גלאנץ און אין פראכט.

און דארט, ביי דער ביהנע,ביים שטראם דער מוזיק,
מיט גאלדענע טרוימען פערהאנגען —
דארט זיצען צוויי קינדער, אין מאנטעל פון גליק,
און ווארפען צו יעדען א פריינדליכען בליק,
וואס ווערען אויך פריינדליך עמפפאנגען;
זיי זיצען זיך רוהיג, אין גליקליכער רוה,
און קוקען אויף אללעס זיך נייגעריג צו.

אָה ליעבליכע קינדער, אָה, הערצליכע מיין,
איך האָב אייער פריידע פערנומען!
איך זעה, אויף אייך רוהט יענער גאָלדענער שיין,
וואָס דרינגט אין דיא טיעפקייט פון הארצען אריין,
און ווייזט דאָרטען בליהענדע בלומען...
ער ווייזט דאָרטען בלומען — דיא בלומען דער צייט...
דאָך, ווייסט וואָס היינטיגער יובל בעדייט?

דיא צייט איז א ים, און דאָס לעבען — א שיף,
דיא אומשטענדען זיינען דיא כוואללעס;
דער ים איז זאָ ברויזענד, דער ים איז זאָ טיעף,
עס שטורמען דיא כוואללעס, זייא ווארפען דיא שיף,
און ברייננען א מורא אויף אללעס —
און גליקליך איז דער וואָס קען זיעגרייך דאָרט זיין —
דאָך הערט זיך נור ליעבליכע, הערצליכע איין:

אמאָהל, ווען איהר זייט געוועזען קליין נאָך — אמאָהל,
דאן זייט איהר זיך גליקליך געשוואומען;
דיא שיפעלאך אייערע — שנעל וויא א שטראהל,
זייא האָבען געשניטען א וואלל נאָך א וואלל,
און זיינען אלץ וויטער געקומען!
דאָך איהר זייט געלעגען אין טרוימען פערטיעפט,
ווייל אנדערע האָבען פאר אייך דאן געשיפט.

א פאַטער, א מוטער — זייא האָבען געשטרעקט
דיא אָרעמס, אייך ליעב צו עמפפאנגען;
זייא האָבען אייך שטענדיג געטולעט, געדעקט,
זייא האָבען אייך ליעבליך און צערטליך געוועקט,
געטהאָן אייער וואונש און פערלאנגען;
דאָך וועה! יענער אייביגער, אייביגער שטראָם —
ער האָט זיי געוואָרפען אין פינסטערען תהום...

און יונג אויפען ברויזענדען, שטירמישען מעער,
דאן זייט איהר געבליעבען אָהן היטער —
דיא שיפעלאך האָבען געקרעכצט אזוי שווער,
זייא האָבען געקרייצט זיך אהין און אהער —
זייא האָבען געקעמפפט אזוי ביטטער!
און צווישען דיא שטראָמען פון עלענד, און לייד,
דאָרט האָט איהר זיךביידע בעגעגענט מיט פרייד.

איהר האָט זיך בעגעגענט און הערצליך, ערפרעהט,
בעגריסט זיך מיט ליעבענדע פלאמען;
איהר האָט דאן דיא „שיפלאך" מיט ליעבע געקייט,
איהר האָט אללע זעגלען פאנאנדער געשפרייט,
אום ביידע צו רייזען צוזאמען!...
צו רייזען, און דיענען זיך הערצליך, געטריי.
און קומען צום אינזעל פון אייביגען מאי...

נון שטעהט איהר געגרייט און—באלד הילכט דער סיגנאל,
באלד שאללען דיא רייזע טראָמפּייטען!
און זעהט איהר דיא מענשען בעגליקט איבעראלל,
וואָס זיינען זאָ פרעהליך און מונטער אין זאאל?
דאָס קומען אייך אללע בעגלייטען!
זייא קומען מיט בלומען, און זיססע מוזיק,
בעגלייטען אייך דאָרטען, צום אינזעל פון גליק.

דאָך ליעבע, נור איידער איהר מאכט נאָך א שריט,
אין ים פון דאס וואונדער — דאָס לעבען;
דאן זעהט נור, דערמאָנט זיך, פערגעסט עס נור ניט,
נעהמט זאָרגזאם צוויא נויטהיגע פעקעלאך מיט,
וואָס רופען זיך „האָפען" און „שטרעבען".
ווייל מעג דער ים ברויזען, און שרעקליך זיין טיעף —
זיי לאָזען נ"ט זינקען אין אבגרונד דיא שיף...

דיא אייביגע שטיממע

דאָרט אין א צימער ליכטיגען,
אין יום טוב'דיגען אויסגעפּוצט,
דאָרט זיצען זיך צוויי אלטינקע —
א ליעבע שעהנע פּאָאר.
דיא צייט, דיא צייט דיא שטירמישע,
דיא צייט, דיא אייביג שטראָמענדע,
זיא האָט אויף זיי שוין אויסגעקריצט
דיא פוללע זיב'ציג יאָהר!

זיי זיצען שטילל און ריידען זיך
זאָ ליעב, און שעהן, און אנגענעהם;
זיי ריידען פון א געגענשטאנד
וואָס איז פון זיי שוין ווייט —

זיי ריידען פון דיא קינדער טעג,
פון איהר, דיא יוגענד ליעבליכע,
וואָס בלייבט אין הארצען אויסגעקריצט
א לאנגע, לאנגע צייט.

און זיצענדיג, אָפט בליקען זיי
מיט פריידע דורך דיא פענסטער דורך;
און ווארפען איינס דעם צווייטען זיך
א ליעבען, צארטען בליק;
דאָס ווארטען זיי אויף געסט א סך,
וואָס דארפען קומען פרעהען זיך,
וואָס דארפען קומען ווינשען זיי
צו זייער פריידע, גליק.

ווייל פופציג רונדע יאָהרעלאך
איז שוין ביי זיי געוואָרען היינט,
נאָך זייער ליעבע חתונה,
נאָך זייער גרויסען פעסט;
זאָ האָבען זיי א יום טוב'ל
לכבוד דעם געמאכט זיך היינט,
און איצטער זיצען זיי זיך דאָס,
און ווארטען אויף דיא געסט.

און זיצענדיג, דערצעהלענדיג
זיך מעשה'לאך גאנץ שעהנינקע,
דערהערט זיך פלוצלינג געהענדיג —
א רויש פון מענשען טריט;
און — טהיר און טויער עפענט זיך,
און טעכטער, זין, און אייניקלאך —
זיי קומען אלל' אין הויז אריין,
מיט פרעהליכען געמיטה.

און יעדעס קינד בעזונדער געהט
צו זיי, דיא ביידע אלטינקע,
און פיהרט מיט זיך דיא אייניקלאך
צו זיי, דיא אלטע פאאר.
און יעד'רער ווינשט זיי לעבען נאך,
א לעבען נאך א גליקליכען,
א לעבען פול מיט זיסיגקייט,
אויף לאנגע, לאנגע, יאהר.

און זיי, דיא ביידע אלטינקע,
וויא ליעב און פרעהליך זיינען זיי!
אין זיי האט ווידער אויפגעוואכט
דאס הויכע לעבענס לוסט;

זיי ריידען זיך צו יעדערען
מיט ווערטער זיסע, הייליגע,
און רופען צו דיא אייניקלאך,
און דריקען זיי צום ברוסט.

„אָה ליעבע, ליעבע קינדערלאך,
„וויא ליעב און טהייער זייט איהר מיר,“
זאָ רעדט צו זיי דער אלטינקער
מיט הערצליכען גענוס,
און זיא, זיין גליק בעגלייטערין,
זיא רעדט צו זיי מיט צערטליכקייט,
זיא גלעט זיי ביי דיא קעפּעלאך
און גיט זיי אָפט א קוס.

אין הויז איז לוסטיג, פרעהליך, און
דיא געסט, זיי טאנצען, פרעהען זיך,
דאָך פלוצלינג דורך דעם פריידען רויש,
דערהערט זיך א געשריי:
„איך בין דער טוידט דער מעכטיגער,“
„איך בין דער טוידט דער שרעקליכער,
„דיא קברים זיינען פארטיגע —
„איך ווארט, איך ווארט אויף זיי!“

דאָך קיינער הערט דיא שטיממע ניט,
דיא שטיממע אייביג שרייענדע,
און אלעס איז זאָ צוויבעריש,
אויף וואָס מעןווארפט א בליק,
ווייל זיא, דיא געטטין פריידע, איז
מיט זיי, דיא געסט, געקומען, און
זיא גיט זיי טרינקען יעדערען,
דיא זיסיגקייט פון גליק.

דיא בלומען

אָה בליהמעלאך ליעבליכע, שעהנינקע בלומען,
איך זעה איהר זייט וויעדער צו אונז דאָ געקומען,
געקליידעט אין גלענצענדען פּראַכט ;
איך זעה אייך שוין וויעדער — נור זאָגט מיר איהר ליעבע:
וואו זייט איהר געוועזן אין דיא וועטערען טריבע ?
וואו האָט איהר דעם ווינטער פערבראכט ?

דאָס לאנד, אָט פון וואנענט איהר קומט יעצט, איהר קליינע,
דאָרט מוז זיין א לאנד גאָר א וואונדערליך שעהנע,
דאָרט מוז זיין דער וואונדער אליין;
ווייל לעצטענס, ווען איך האָב געזעהן דאָ, אייך צארטע,
דאן זייט איהר געוועזן פערוועלקטע, פערדארטע,
און יעצט זייט איהר וויעדער זאָ שעהן !

יעצט זעה איך אייך וויעדער זאָ שעהן, פערפיומירטע,
מיט קנאָספּען בעהאנגען, מיט בליהונג בעציהרטע,
כ'האָב זעלטען זאָ שעהן אייך געזעהן ;
אָה בליהמעלאך ליעבליכע, געטליכע בלומען,
זאָגט, וואו האָט איהר וויעדער דיא יוגענד גענומען?
וואו זייט איהר, וואו זייט איהר געוועזן ?

איך קען דאָ פיעל קינדער פון פעלקער, נאַציאָנען,
וואָס זיי איז וויא אייך, אזוי ליעב צו דערמאָנען,
וואָס זיינען וויא איהר אזוי צארט;
דאָך וואנדלענד אין שטורם פון קלעגליכען לעבען,
וואו אייביג פערלאָרען געהט מענשליכער שטרעבען,
אך, ווערען זיי בלייך און פערדארט!

און וואָלט איך נור וויסען אָה, הימלישע בלומען,
פון וואו איהר האָט וויעדער דיא יוגענד גענומען,
וואו אייך איז דער וואונדער געשעהן —
איך וואָלט זיי דערצעהלט, און זיי וואָלטען געצויגען —
זיי וואָלטען וויא פויגעלאך דאָרטען געפלויגען —
טאָ זאָג מיר: וואו זייט איהר געוועזן?

* *
*

א ליעבליכער מאָרגען! עס זשומט אין דיא טהאלען,
עס זינגען דיא פויגלאך; עס מורמלען דיא קוואלען,
עס רוישען דיא שטראָמען מוזיק;
דיא בלומען אין פעלד, שטעהען טרוימענד געבויגען,
זיי זיינען פון זילבערנעם טהוי איבערצויגען,
און טרוימען פון פרייד און פון גליק;

און פויגעלאך וועקען דיא פרייד צו געניסען,
און טייכעלאך מורמלען, און וואסערלאך פליסען,
און לויפען דעם שטענדיגען לויף;

און דאָרטען, וואו הימעל און ערד קומט צוזאמען,
דאָרט ווייזען זיך שפורען פון גלוטה־רויטע פלאמען —
דיא ליעבליכע זאָננע געהט אויף.

און צווישען דיא טרוימענדע ליליען און ראָזען,
הייבט אָן זיך א שטילינקער ווינטעלע בלאָזען,
און בלאָזט זיך זאָ דופטענד און קיהל;
און עפּעס מיר דוכט זיך... איך הער דאָרטען ריידען....
דער ווינטעלע דוכט מיר, דערצעהלט וואָס פון פריידען,
מיר דוכט זיך ער זאָגט אין דער שטיל:

„אָה הימלישע קינדער! אָה געטליכע בלומען,"
„גענוג אייך צו טרוימען! דער טאָג איז געקומען.
„עס צויבערט זיין גלענצענדער פראכט;
„דיא ערד איז בעזילבערט, בעציהרט מיט דיאמאנטען,
„דיא זאָננע—זיא שיינט שעהן, און שטויבט מיט
בריליאנטען —
„שטעהט אויף שוין אָה ליעבע, ערוואכט!"

„און הערט דיא בעצויבערטע, זיסע געזאנגען,
„וואָס נעהמען דיא הערצער, און זעעלען געפאנגען,
„און טראָגען זיי הויך דאָרט ארויף —
„און טראָגען זיי הויך אין דיא שעהנסטע געצעלטען,
„פון געטליכע הימלען, און הימלישע וועלטען —
„שטעהט אויף שוין, אָה ליעבע, שטעהט אויף!"

און מעכטיגער הויבט אָן דער ווינטעלע בלאָזען,
עס נעהמען זיך ריהרען דיא ליליען, דיא ראָזען
זיי הייבען זיך, שטעלען זיך אָן;
זיי הייבען זיך, שטעלען זיך, נעהמען זיך בויגען,
אָט גלייך וויא זיי וואָלטען זיך אללע פערנויגען,
און גריסען דיא גאָלדענע זאָנג׳...

זיי נויגען זיך אלע, און שטעלען זיך ווידער,
דאָך, העכער און דרייסטיגער, שטעלט זיך א ניעדער
א ראָזע — דיא ליעבליכסטע בלום;
און שטעהענד אין גלאנץ, און אין גאָלדענע שטראהלען,
הייבט פלוצלונג אָן שטראָמיג פון איהר זיך צופאלען,
בריליאנטיגע טראָפּענס פערפיום.

עס פאלען דיא טראָפּענס אלץ מעהרער, און מעהרער,
און ווערען אלץ העפּטיגער, ווערען אלץ שווערער,
און פאלען זיי קוים נור אראָפּ —
דאן הערען זיך טאקטען, דאן הערען זיך טענער,
און ווערטער ערקלינגען אין זיי אימער שעהנער,
וואָס קלינגען וויא זאָגענדיג אָפּ:

„מיר לעבען וויא מענשען, מיר בליהען, מיר דארבען,“
„מיר טרינקען דיא פריידע, מיר וועלקען, מיר שטארבען—
„זאָ געהט עס א יאָהר נאָך א יאָהר;

„דיא בלומען וואָס דו האָסט געזעהן פאר א יאָהרען,
„זיי זיינען פערגאנגען, פערשטאָרבען, פערלאָרען,
„און מיר זיינען ווידער א דור.“

„דאָך קענען מיר, בלומען, זיך גאָר ניט ערקלעהרען,“
„וויא קומט עס, וואָס דו, אלס א מענש, זאָלסט אונז עהרען?
„איך וויים ניט וויא קען עס גאָר זיין?!
„אין אונזער געשיכטע וואָס אונז איז געבליעבען,
„דאָרט שטעהען גאָר אנדערע מעשות געשריעבען —
„דאָך הער זיך נור מענשען קינד איין“:

„אין פריהלינג, אין שעהנעם, און שטילען פריה מאָרגען,“
„ווען אללעס איז טרוימעריש, רוהיג, אָהן זאָרגען
„פערוויגט פון א הימלישען כאָהר;
„דאן שטעהן מיר אללע, שוין וואכענדע בלומען,
„און זיינען אין טראכטען, און דיינקען פערנומען,
„פון אללעס וואָס קומט מיט אונז פאָר.“

„און הייבט אָן דיא זאָננע צו שיינען — דאן פאללען
„פיעל ווארימע, גאָלדענע, גלענצענדע שטראהלען,
„און הייבען וויא גלעטען אונז אָן;
„און פרעסען באלד אָפּ אונז'רע אללע געפיהלע,
„טראָגען זיי הויך דורך דיא שטערענדלאך שטיללע,
„און זיגלען זיי אָפּ אויף דער זאָננ'“

„און דאָרטען... אָה הימלען! וויא קלעגליך צו הערען!“
„דאָרט שטעהען פערשריעבען מיט טרויער, און טרעהרען
„פיעל בויזע געשיכטען אויף אייך —
„דאָרט שטעהט אז אונז בלומען, אונז הימלישע גאבען,
„וואָס זיינען זאָ צארט און זאָ שעהן און ערהאבען,
„אונז טרעט איהר וויא שטיינער צו גלייך!“

„איהר פליקט אונז אָפּ יונגע, און מאכט זיך בוקעטען,“
„און לייגט זיא אויף הויפּטער פון דיא, וועלכע טרעטען
„דעם גלאנץ וואָס האָט ווארהייט בעשעהנט;
„און דיא וועלכע זיינען אין שאנדע געזונקען,
„און דיא וועלכע ליעגען פון ווייגען בעטרונקען,
„דיא ווערען מיט אונז דאָ בעקרוינט.

„דאָרט שטעהט אז“ — נור ראָזען, אָה הימלישע בלומען,“
איך ווייס ניט אָה ליעבע, איך ווייס ניט וויא קומען,
דיא בויזע געדאנקען צו אייך?!
אָט דיא אָט פון וועלכע איהר האָט דאָרט געלעזען —
דיא זיינען אויף זיכער קיין מענשען געוועזען,
וויל מענשען פארגעטערען אייך!

דיא מענשען... אָה ליעבע! וויא זייט איהר זיי טהייער,
איהר צינדט זיי דאָך אָן אין דיא הערצער א פייער,
פון אייביגע פריידע און לוסט;

און הייבט איהר אין פריהלינג נור אן צו ערשיינען,
דיא מענשען—וויא פרעהליך, וויא גליקליך זיי זיינען!
זיי דריקען אייך אללע צום ברוסט!

דיא עדעלסטע טהאטען, דיא נאָבעלסטע יוגענד,
דיא גלאַנצרייכסטע עלטער, און אללעס, וואו טוגענד
האָט טיעף איהרע קערנער געפלאנצט;
און גייסטיגע זוננען, און ליכטער דער פרייהייט,
און גרענצלאָזע ליעבע, און אייביגע טרייהייט —
אלץ ווערען מיט בלומען בעקראנצט!

און זעהט דאָרטען ליעבע, א העלדישען קריעגער,
א מוטהיגען קעמפפער, א גלענצענדען זיעגער,
א פריינד פון טיראנישע מאכט;
זיין הארץ האָט פאר ליכט, און פאר פרייהייט געשלאָגען,
זיין ברוסט האָט ער געגען דיא פיילען געטראָגען,
יעצט קומט ער אלס זיעגער פון שלאכט.

עס יובלען דיא פעלקער, און לויפען בעגריסען
דעם העלד, וואָס ער האָט זיי'רע קייטען צוריסען —
זיי רינגלען איהם אללע ארום.
און יעד'רער וואָס קומט, און וואָס לויפט איהם אנטקעגען,
דער טראָגט איהם מיט פרייד, און מיט איניגסטען זעגען,
אלס צייכען פון עהרע א בלום.

און דאָרט אויפ'ן קברים־פעלד, דאָרט, וואו פערהאנגען
איז אללעס מיט טרויער, און ס'גיבט קיין פערלאנגען,
וואו טוידט איז דער וועלטליכער טריעב!
דאָרט שטעהען פיעל מענשען פון אללעס ענטריסען,
וואָס זיינען געקומען פיעל טרעהרען פערגיסען,
אויף קברים וואָס זיינען זיי ליעב.

זיי שטעהען דאָרט אללע מיט וויינענדע אויגען,
און יעדערער שטעהט אויף א קבר געבויגען,
און מורמעלט זיך ווִיא א געבעט;
און יעדערער לייגט דאָרט מיט הערצליכע פרייהייט,
אלס צייכען פון ליעבע, און אייביגע טרייהייט,
א דופטענדען בלומען בוקעט.

* *
*

אָה בליהמעלאך ליעבליכע, געטליכע בלומען,
וויא רייצענד, וויא צארט איהר זייט וויעדער געקומען,
וויא הימליש, וויא שעהן, און וויא רייך!
וויא פרעהען זיך אללע מיט אייער ערשיינען —
דאָך, דיא וועלכע טרעטען אייך — ווייסט ווער זיי זיינען...
דיא מענשען פערגעטערען אייך.

דיא אונשולדיגע מערדערין

אה קליינע, שעהנע מיידעלע,
אה זאָג מיר, ליעבעס קינד:
איך זעה דוא ביסט זאָ איילענדיג,
וואו לויפסטו זאָ געשווינד?
וואָס טראָגסטו דאָ אין קערבעלע?
דיין קערבעלע — וויא שעהן!
אה זאָג מיר, קליינע מיידעלע,
וואו ווילסטו איצטער געהן?

דיא מיידעלע, דיא פרעהליכע,
בעצויבערטע פון גליק,
האָט וויא מיט א פערוואונדערונג
דערלאנגט אויף מיר א בליק;
און שטיל און זאָרגזאם בליקענדיג
אויף דאָס וואָס זיא פערמאָגט —
האָט באלד דאָס קינד, דאָס פרעהליכע,
האלב לאכענדיג געזאָגט:

„איך בין געוועז אין וועלדעלע,
„דאָרט אונטער יענעם בוים;
„איך האָב געריסען בליהמעלעך,
„און טראָג זיי יעצט א היים;
„איך טראָג זיי צו מיין מאמעלען,
„איך גיב זיי מאמא אָפּ,
„און זיא וועט זיי פערפלאנצען באלד,
„פאר מיר אין בלומען טאָפּ.

„איך וועל זיי שטענדיג מיטנעהמען,
„אָט וואו נור איך וועל געהן;
„איך וועל מיט וואסער גיסען זיי,
„זיי זאָלען בליהען שעהן.
„איך וועל זיי לאָזען אויפוואקסען...“
און פרעהליך אָהן א שיעור
איז באלד דיא קליינע מיידעלע
אנטלאָפען שנעל פון מיר.

* * *

דער טאָג פארגעהט, דיא זאָנע פלאמט,
זיא ווארפט אויף דרערד איהר לעצטען שטראהל!
זיא נייגט זיך טיעף, איך זעה איהר קוים —
עס דונקעלט שטארק אין גרינעם טהאל.

עס דונקעלט שטארק, און איך — איך געה!
איך געה פערטיעפט און טראכט פון איהר:
פון איהר, דאס ליעבע שעהנע קינד,
איהר בילד, מיר דוכט, ער שוועבט פאר מיר!

מיר דוכט איך הער איהר זיסע שטים,
איהר זיסע שטים — פול קינדער לוסט,
און יעדעס וואָרט בעריהרט מיין הארץ,
און וועקט דאס העכסטע אין מיין ברוסט.

עס וועקט צוריק מיין קינדהייט אויף,
מיין קינדער־פראכט, מיין קינדער־גלאנץ,
אָט דוכט מיר שטעה איך ווייט אין פעלד,
און פלעכט מיט פרייד א בלומען קראנץ.

איך לויף אהין, איך לויף אהער,
און בין זאָ פרעהליך, בין בעגליקט,
און אלעס וואָס איך זעה פאר מיר —
פון אלעס ווער איך שנעל ענטציקט!

און ווער איך מיעד, דאן רוה איך באלד,
דאן פלעכט איך בלימעלעך אָהן שיעור,
און לויף מיט שטאָלץ מיט זיי אהיים —
מיין מוטער שטעהט און ווארט אויף מיר!

זיא שטעהט דיא ארעמס אויסגעשטרעקט,
אוּן איך — איך פאַל אין זיי אריין;
אוּן זאַרגזאם, צערטליך פרעגט זיא מיר:
„פון וואנען קומסטו, קינד דו מיין?

„וואָס ביזטו מיעד? וואָס ביזטו בלאס?
„אַה וועה. מיין קינד, דוא אַטעמסט שווער!“
אוּן צערטליך דריקט זיא מיר צום ברוסט,
אוּן גיסט אויף מיר א הייסע טרעהר.

א מוטער טרעהר, א מוטער הארץ —
וויא לאַנג איז זייער לעבענס שנור!
א מוטער טרעהר, א מוטער הארץ —
דיא שעהנסטע ווערקע דער נאטור!

א מוטער הארץ... נור אך, וויא ווייט!
וויא ווייט איז יענער זיסער טרוים!
מיין קינדער גלאַנץ, מיין קינדער פראכט —
צופלאָסען וויא דער זילבער־שוים!

איך שטעה און בליק... איך זעה דעם וואלד,
אין גרינעם, פרעכטיגען קאָליר;
איך זעה דעם בארג איך זעה דעם טהאל —
דאָך וועה! וויא אלץ איז ווייט פון מיר!..

ווִיא אלין איז ווייט, ווִיא אלין איז שטיל!
מיין פריידען ים — ער שטראמט ניט מעהר!
און עלענד שטעה איך יעצט און בליק,
און פיהל, מיך דריקט א הייסער טרעהר.

איך שטעה און בליק . . . איך בין זאָ מיעד,
איך בין זאָ מאטה—איך האלט זיך קוים;
און מאכטלאָז פאל איך ווִיא א שטיין,
און ליעג, און טראכט, און שלאָף און טרוים:

איך זעה פאר מיר א בלומען וואלד,—
און אויף אן איינזאם שטילען אָרט,
דאָרט ליעגען יונגע בלומען פיעל,
זיי ליעגען אויסגעריסען דאָרט.

זיי ליעגען בלאס, זיי ליעגען טוידט,
און זיינען האלב צוטראָטען שוין;
און איבער זיי — דאָרט שטעהט א גרייז,
און רעדט מיט טרויער און געוויין:

„דיא בלומען ליעבליכע, דיא בלומען טהייערע,
„זיי האָבען קוים וואָס נור דיא וועלט ערבליקט;
„דיא יונגע בלימעלעך — ניט לאנג געבאָרען נאָך,
„און ליעגען יונגערהייט שוין אָבגעפליקט!

„דיא מוטער ערד האָט זיי זאָ צארט געהאָדעוועט,
„זיא האָט זיי אויסגעהיט פון יעדען וועה,
„און צארט און מוטערליך צום הארצען דריקענדיג,
האָט זיא מיט ליעבליכקייט געזאָגט צו זיי:

„איהר קינדער שעהנסטע מיין, איהר אירדיש־הימלישע,
„איהר אייביג הופּטענדע מיט פרייד און לוסט;
„עס איז נאָך קאַלט אצינד, אין דרויסען שטורמט נאָך,
„נו, ליעגט געליעבטע מיינע אויף מיין ברוסט!

„דער פריהלינג ליעבליכער, ער וועט שוין קומען באלד,
„און אלעס בריינגען אונז וואָס אונז געפעהלט.
„איך וועל אייך אָנטהאָן דאן, איך וועל אייך אויספּוצען,
„און וועל אייך ווייזען פאר דער שעהנער וועלט.

„דיא מענשען פריינדליכע, זיי ליעבען צערטליכקייט,
„זיי ליעבען אלעס וואָס איז גוט און שעהן;
„זיי וועלען שעצען אייך, זיי וועלען ליעבען אייך,
„און וועלען פאסען אייך איין גייסטער קרוין.

„נון איז דער פריהלינג שוין געקומען הימעל רייך,
„און ליעבליך האָט זיא זיי שוין אנגעקליידט,
„און האָט געוואונשען זיי — דאָך וועה, דיא בלימעלעך,
„זיי ליעגען בלאסע שוין, זיי ליעגען טוידט!

„דער שטראהל דער גאָלדענער, דער מילדער זאָנענשטראהל
„וואָס האָט זיך אָפט מיט זיי זאָ שעהן געשפּיעלט,
„ער וועט שוין קומען באלד, און זאָרגזאם זוכען זיי,
און וועט געפינען זיי — זיי ליעגען קאלט!

„און פריהלינג׳ס ווינטעלע, דער מילדער, פרעהליכער,
„וואָס האָט זיך אָפט מיט זיי זאָ שעהן געשפּיעלט,
„אויך ער וועט קומען באלד — דאָך וועה, דיא בלימעלעך,
„אויף אייביג ליעגען זיי שוין איינגעשטילט!

„זיי ליעגען בלאסע שוין, אין שלאָף דעם אייביגען,
„זיי ליעגען טוידטע שוין — וויא טיעף דער וועה!
„און זיא, דיא מיידעלע, דאָס יונגע פריידען קינד,
„אך, זיא האָט אונשולדיג ערמאָרדעט זיי!“

עופה'לעס טרוים

אין וויעגעלע ליעגט זיך א פיצעלע קינד;
זיא צאפעלט זיך, רוהט ניט, בעװעגט זיך געשווינד;
זיא שפיעלט זיך מיט שטראהלען, און פינקלענדען שיין,
און שפיעלענדיג שלעפערט דיא עופה'לע איין.

זיא שלאָפט, און זיא חלום'ט א זיסינקען טרוים,
אז דאָרטען, פון הויכען, פון הימלישען רוים,
פליהט פרעהלאך א מלאך'ל שטראהלענד פון גליק,
און װארפט איהר פון ווייטען א צערטליכען בליק.

און בייבילע שמייכעלט, און ווינקט איהם און רעדט,
און שטעלט איהרע הענטעלאך אוים מיט געבעט,
און פלוצלונג... דיא בייבילע זאָגט מיט געוויין:
„אָה מלאך'ל קום דאָ, איך בין דאָ אליין."

און באלד קומט דער מלאך ארונטער צו איהר,
מיט קערבעלאך דופטענדע בלומען, אָהן שיעור;
און שטעלט זיך ביין וויעגעל, געבויגען דעם קאָפּ,
און ווישט איהרע ריינינקע טרעהרעלאך אָפּ.

און גלעט איהר ביין קעפעלע, נעהמט איהר ארום,
און האלזט איהר, און קושט איהר, און גיט איהר א בלום;
און זאָגט איהר: „אָה קליינינקע, שעהנינקע מיין,
„וועסט לעבען, וועסט ליעבען, וועסט גליקליך נאָך זיין.

„און ווייסטו מיין ליעבע פון וואנענט איך קום?
„פון וואנענט איך האָב דיר געבראכט דיעזע בלום?
„איך קום יעצט פון הימלען, פון גלאנץ און פון פּראכט,
„און האָב דיר פון דאָרטען דיא בלומען געבראכט.

„דאָרט בין איך אין הימלען דיא שעהנסטע געוועזען,
„און יונגע נשמה'לאך דאָרטען געזעהן;
„זיי האָבען זיך פריי אין דיא הימלען געשוועבט,
„אין קליידער פון ליכט, און פון שטראהלען געוועבט.

„זיי האָבען זיך אלע דאָרט גליקליך געפיהלט,
„און אללע צוזאמען זיך לוסטיג געשפּיעלט,
„און — פּלוצלונג האָט איינע בעמערקט מיט א וועה,
„אז דו ביסט שוין מעהר גאָר ניטאָ צווישען זיי!

„און באלד האָט א שטורם פון עלענד געוויהט,
„און אלץ איז געוואָרען אין טרויער געקליידט,
„און אלץ האָט געיאמערט, און אלץ האָט געטרעהרט,
„און—פּלוצלונג האָט באלד זיך א בת קול דערהערט:

„יונגע נשמה'לאך, הייליגקייט'ס הייליגטהום,
„שטאַלץ פון מיין אייביג אונענדליכען רייך,
„הערט אויף צו טרויערען, גיסט מעהר קיין טרעהרען—איך
„קען ניט פערנעהמען דיא טרעהרען פון אייך.

„פרעהליך און גליקליך איז יענע נשמה'לע,
„באַדט זיך אין ליעבע, און גאָלדענעם שיין;
„גרויסקייט, און ליעבע, און פריידע ערוואַרטעט איהר,
„ליכטיג, און פרעהליך, וועט אייביג איהר זיין,

„אייביגער פריהלינג וועט זיין אין איהר וועלטען רייך,
„אייביגער מאי וועט בעקרוינען איהר קאָפּ;
„זיילען פון גליקליכקייט וועט זי — נור הימלישע,
„בליקט אויף דער מענשען וועלט אונטען אראָפּ.

„דאָרט אין דער מענשען וועלט, אייביג פערזאמערטע,
„דאָרטען, וואו אלץ איז בעדעקט מיט א טהוי
„פון אייביגען טרויער, און אייביגען עלענד — דאָרט
„לעבט זיך אן אָרימע, עלענדע פרוי.

„שווער איז איהר לעבען דאָרט, פינסטער און טרויעריג,
„אימער אין ארמוטה פערברייננגט זיא איהר וועלט;
„זומער פערברענט איהר דיא היץ אונערטרעגליכע,
„ווינטער — דיא בייזע, דיא גרויזאמע קעלט.

„וואנדערט אָפט הונגעריג, מיעד, און צובראָכען, און
„דאָך איז זיא אימער זאָ ליעבליך און גוט;
„זוכט נור צו לינדערען שמערצען פון ליידענדע,
„פלאנצט אין דיא הערצער זיי שטרעבען און מוטה.

„זעהט זיא א קראנקען וואו, שטעהט זיא ביין בעטעל שוין,
„וועקט אין זיין זעעלע נאָר פריידע און לוסט;
„מענשען געפאלענע טוליעט זיא, טרויסט זיא נאָך,
„וויסטע יתומים׳לאך דריקט זיא צום ברוסט.

„דריקט זיי צום הארצען צו, רעדט צו זיי מוטערליך,
„היט זיי פון שרעק, און יתום׳אישען גרויל;
„קוויקט זיי מיט ליעבע, מיט צארטקייט, דיא הערצעלאך,
„טהיילט זיך מיט זיי יעדען ביסען פון מויל.

„אמאָל אָבער פלעגט דיעזע אָרימע, עלענדע,
„זיצענדיג שטיל אין איהר צימער אליין,
„ערהויבען דיא אויגען צום הימעל מיט ביינקשאפט, און
„אויסברעכען אָפט אין א שטילען געוויין.

„זי פלעגט ניט בעוויינען איהר פינסטערען לעבען, זי
„פלעגט ניט בעקלאָגען די שמערצען אָהן צאָהל;
„זיא האָט נור געהאט אן איין איינציגען וואונש, אז
„א קינד זאָלל איהר רופען נאָך „מאמע“ א מאָל!...

„און יעדוועדער זיפץ, האָט צושוידערט מיין הימעל רייך,
„יעדוועדער טרעהר פלעגט דערגרייכען צו מיר;
„זאָ האָב איך דיא ליעבסטע, דיא שעהנסטע נשמה'לע;
„אלס א מתנה געגעבען צו איהר

. . . .

„און שטיל איז געוואָרען, און ס'האָבען ערפרעהט
'זיך אללע נשמה'לאך לוסטיג צושפרייט
„אין הימלישע גערטנער, און האָבען געפליקט,
„דיא הערליכסטע בלומען און — דיר זיי געשיקט.....

א זיפץ

איך האָב נאָך קיין אידישע ליעדער געזונגען,
נאָך קיין מאָל געקלאָגט אויף דעם אידישען שמערץ;
פאר אללעמען גלייך האָט געבלוטיגט מיין הערץ,
פאר אללעמען גלייך האָט מיין ליעדעל געקלונגען.
דאָך איצטער, איך פיהל וויא מיך דריקט אזוי שווער.
דער אייביגער, אייביגער אידישער טרעהר.

מיין גייסט האָט מיך הויך אין דיא הימלען פערטראָגען,
און דאָרטען מיר גליקליכע וועלטען געבויט;
איך האָב איהם דעם גלוטה פון מיין זעעלע פערטרויט,
געשאָנקען איהם אלץ וואָס מיין הארץ פלעגט פערמאָגען.
דאָך איצטער, גאנץ הויך, אין דיא הימלען איך הער:
עס רופט מיך, עס וועקט מיך דער אידישער טרעהר.

איך ווארף מיינע בליקען ארונטער ענטמוטהיגט,
און הימלען! עס שוידערט אין מיר יעדער גליעד;
איך זעה וויא עס וואנדערט שוין וויעדער דער איד
צו'הרג'עט, צו שלאָגען, צוריסען, צובלוטיגט;
און וויעדער שוין בליצט יענער אייביגער שווערד,
וואָס פארבט מיט זיין בלוט, נאָך פיעל רויטער די ערד.

איך וואנדער פערצווייפעלט אין צפון, אין דרום,
אין מזרח און מערב — איך הער זיין געשריי!
און וואו נור איך וואנדער, און וואו נור איך געה,
איך זעה נור פערבלוטיגטע אידישע קברים.
עס ציטערט מיין זעלע, עס שווידערט מיין הערץ,
פון אידישען קרעכץ, און פון אידישען שמערץ.

עס ברויזען דיא כוואללעס פון אידישע טרעהרען,
עס שניידט וויא מיט מעסער'ס דער אידישער פיין.
אך! ווען וועט אן ענדע, אן ענדע שוין זיין?
ווען וועט שוין ערשיינען זיין ליכטיגער שטערן?....
....
און מורא'דיג שטורמט דיא בלוטיגע שלאכט,
און ווייט איז דער הימעל, און לאנג איז דיא נאכט.

....

איינגעהילט אין מארגען שטראהלען,
פול מיט ליעבע, מוטה און גייסט
דורך דיא גרויסע הארץ מדבריות,
שפאנט דער יונגלינג שטאלץ און דרייסט.

וואנדערט מוטהיג דורך דיא פעלזען,
דורך דיא שטורמ'ס, בייזע קעלט,
און דיא בליקען זיינעווארפט ער
אין דיא ווינקלען פון דער וועלט.

גלוטהיג ברענט זיין יונגע זעעלע,
מעכטיג שטורמט אין זיין ברוסט;
און עס קלינגט זיין פרייע שטיממע
פול מיט קאמפף און לעבענס לוסט:

„מיין עלענדע אומה, אונגליקליכעס פאָלק,"
„געננוג שוין דעם טרויס־גאָטט צו דיענען!
„דורך בערג, און דורך טהאָללען, דורך פייער, דורך פלאם,
„א היים מוזטו ענדליך געפינען!

„שוין טויזענדער יאָהרען אין גלות געוועזען —
„דיין שמערץ האָט נאָך קיינער פערנומען!
„דיין ווינטער איז שרעקליך, דיין ווינטער איז לאנג,
„דיין פריהלינג — דיין פריהלינג מוז קוממען!"

....

הויך, אויף פעלזען, מאיעסטעטיש
אָנגעלעהנט אָן זיילען ליכט,
שטעהט א גרייז, און טיעפע קנייטשען,
ליעגען פיעל אויף זיין געזיכט.

יעדער קנייטש דערצעהלט פון פעלקער —
פון דער אלטער, אלטער צייט;
יעדער בליק דערצעהלט טראגעדיעס,
פון דער וועלט'ס פערגאנגענהייט.

שטעהט פערטיעפט, און בליקט מיט ערענסט
אויף דעם יונגלינג שטילל אראָפּ;
און מיט טיעפען טרויער זאָגט ער,
שאָקלענדיג זיין ווייסע קאָפּ:

„פלייצען וועט אידישע
„בלוט אויף דער ערד,
„זאָלאנג עס וועט בלייבען
„איין איינציגער שווערד;

„זאָלאנג עס וועט הערשען
„דער שפּיזען־געפּיהל,
„וועט דיענען דאָס אידישע
„הארץ אלס א ציעל...“

1906

צו קליין

אָה פּאלשקייט! וויא גרויס ביסטו? זאָג מיר:
וויא הויך און וויא דיק און וויא ברייט?
איך וויל פאר דיר גראָבען א קבר,
קוים וועט דיך בעזיעגען דער טוידט.

און שפּאָטיש ערקלינגט באלד א שטימע:
„אומזיסט איז דיין טראכטען, דיין מיין!
„דוא ווילסט פאר מיר גראָבען א קבר?
„דיא וועלט אָה, די וועלט איז צו קליין!"

מיין חלום.

דער הימעל אין גאנצען מיט וואָלקען פערצויגען,
א ווינד האָט געשטורמט, דיא מענשען — וויא טוידט;
דיא בוימער, זיי האָבען צו ד'ערד זיך געבויגען,
און בליצען — פון שרעק און פון דונער בעגלייט.

אין הימלען... וואָס הער איך... געוואלדען... געשרייען...,
געהט אונטער די וועלט דען?.. דער לעצטער מאָמענט?..
עס קראַכען דיא הייזער, דיא ווינטען זיי וויהען,
צורייסען דיא שטיינער, צוברעכען דיא ווענט.

עס רייסט מיך, עס שלעפט מיך, עס ציטער'ן דיא גליעדער,
אה הימלען, עס טראָגען מיך ווינטען גאָר אום!...
וואָס זעה איך... וואו בין איך... איך בליק אין דער ניעדער,
און זעה נור מצבות און בערגלאך ארום.

מיט גרענצלאָזע שרעקען געלאָפען געפינען
א'ן אָרט, זיך צו שיצען פון שטורם, געוואלד;
און ענדליך... איך ציטער... פאר מיר איז ערשיענען
אין בלוטיגע קליידער, א מענשען געשטאלט.

זיין מיענע וואר שרעקליך, דיא קליידער צוריסען,
געברומט און געשריען געשרייען פון שמערץ;
זיין קערפער צובלוטיגט, דיא ליפען פארביסען,
און גליהענד א קויל האָט געשטעקט אין זיין הערץ.

און איז מיט א פלוך באלד צו מיר צוגעקומען,
מיך שטעכענדיג טיעף מיט דיא פיילען פון האס,
און האָט וויא מיט צוואנגען מיין האנד אָנגענומען,
און ברומענד געזאָגט מיט א ברענענדען כעס:

„רויבער! ווער האָט דיר געבראכט
„ביי מיין קבר דאָ, ביי נאכט?...
„זאָג: דו זוכסט, וואָס ווילסטו מעהר?
„קומסטו זוכען גאָלד אהער?

„מערדער! שנעל אוועק פון מיר!
„דיעזער אָרט איז ניט פאר דיר,
„געה! דאָ ליעגען בראווע לייט,
„דורך אייך געשטאָרבען פאר דער צייט.

. . . .

ניט יאָג מיך, ניט טרייב מיך — איך האס דיא וואמפירען
וואָס רויבען, וואָס זויגען פון צווייטען דאס בלוט;
איך בין ניט פון יענע וואָס ווילען רעגיערען,
און הערשען אויף מענשען מיט אייזערנעם רוט.

איך בין אויך א ברודער צו דיא, וועלכע שוועבען
אין עלענד, אין צרות, אין שמאכטען, אין קעלט;
און דיא וואָס מען האָט זיי פערבאָטען צו לעבען,
געניסען דיא פרייהייט, דיא ליכטיגע וועלט.

. . . .

„אויך דו פערפאָלגט?... אָה! קוק זיך אום:
„א קברים וועלט — און אלץ איז שטום —
„און זעה: פערטרייבען אי דיא שאנד,
„פון איהר די „צארטע" מענשען האנד.
„אָה זעה: דאָ ליעגען אללע טוידט,
„פאר פערלאנגען מעהרער ברויט;
„אָהן רחמנות, שנעל, געשווינד,
„אונז געשאָסען וויא דיא הינד!

„זעה מיין בלוט, פערגליווערט, שווארץ;
„מיך ברענט א קויל, א לאָך אין הארץ,
„און ווייסטו וואָס עס וואר מיין זינד?
„ברויט געבעטען פאר מיין קינד!
„איך האָב קיין רוה אין גראב — איך וויין;
„מיין קינד — פעריתום'ט וויא א שטיין:
„מיר דוכט איך הער זיין שמערץ געשריי —
„אה ראכע, ראכע נעהם פון זיי!...

* * *

און געה איך אין גאסען פון עלענד, און זעה דאָרט
א אינגעלע וואנדלענד דורך שטורם און ווינד —
איך דריק איהם צום הארצען, בענעץ איהם מיט טרעהרען;
איך מיין אלץ אז דאָס איז זיין עלענדעס קינד.

דער שטורם

דער שטורם ליעגט שטילל, זיינע פליעגלען פערלייגט,
מיט מיעדע, געשלאָסענע אויגען;
עסריידען דיא בוימער מיט שטאָלץ צווישען זיך:
„ווער קען אונז, ווער קען אונז יעצט בויגען!?"

דער שטורם האָט פּלוצלינג פון שטילקייט ערוואכט...
גענומען דיא אויגען זיך ווישען,
און — וועה... אללע בוימער, זיי ליעגען צו ד'רערד
אין טויזענדער שטיקער צוריסען!...

איך פרעג ניט

איך פרעג ניט צו וועמען דיא טרעהרען בעלאנגען,
צום הייד, אָדער קריסט, אָדער איד,
נור זאָגט מיר, אויב זיי האָט דער וועהטאָג געבאָרען,
און זיי וועט בעקלאָגען מיין ליעד.

א וואונש

ווען איך וואָלט זיין א פייגעלע,
דאן וואָלט איך אין דער אייל
פערפליהען אין א שטייגעלע,
און זיצען דאָרט א ווייל';

איך וואָלט זיך שטיל געזעסען דאָרט
אין ענגען שטילען רוים;
און פול מיט פרייד און האָפּענונג,
געטרוימט א פרייהייט'ס טרוים.

פּראַקטיק

ביי דעם בעסטען הערשער, פיהרער,
קען מען רעכטע ניט געניסען,
ווייל דער סצעפּטער פון רעגיערער,
איז דער חלף פון געוויסען.

ליעבּע וועהען

צו א פריינדין

.... און דוא טרוימסט פון זיסע טרוימען;
האט דיך ליעבע, קינד, פערוויעגט?
זאג מיר, זאג מיר, ריינע זעעלע,
ווען האט דיין הארץ בעגליקט?

זעה, דיין קינדהייט איז פערפלויגען
געהסט אין לעבענס קאמפף אריין!
זאג מיר, זאג מיר, מענשען בלומע,
ווער וועט דיין בעגלייטער זיין?

וועמען טרויסטו אן דיין ליעבע
און אלס לעבענס שוטץ געשטעלט?
דיין געליעבטען? קינד, עס שרעקט מיך—
וויל איך טרוי ניט פיעל דיא וועלט.

פאלשקייט, איינגעהילט איןווארהייט,
זעה, זיא טראגט א בלומען קראנץ!
בליק נאאיווע! זעה, דער קינסטלער
מאכט אויף שטיינער אויך א גלאנץ!...

גלענצענד ווינען אפט די בליקען
אבער — בליק ארײן אין הארץ —
דארטען, וואו די זונן דארף שטראהלען
דארטען, אך איז אייביג שווארץ!

קינד! די וועלט איז שלעכט, פערדארבען;
דאך—זיא איז זא „שעהן" און „פיין"!
זאג מיר, זאג מיר קינד נאאיווע,
ווער וועט דיין בעגלייטער זיין?

פרעהליך וואלט איך אויך געוועזען,
ווען די וועלט וואלט ניט זיין שווארץ!..
אבער... אבער... קינד... דיין ליעבע?...
עפעס ווײנט אין מיר מיין הארץ!

צו א פילאָזאָף

זאָגסט אז קושען זיינען קלאנגען
אונ ניט מעהר;
און צו צארטע ליפּען האָסטו
קיין בעגעהר;
און דוא זעהסט אין זיי קיין צויבער,
קיין געדאנק —
דאָס בעדייט, אז דוא, מיין מלאך,
ביסט שוין קראנק!

ווייל אָט דער, וואָס הערט אין קושען
קיין מוזיק;
און וואָס פיהלט אין צארטע ליפּען
אויך קיין גליק;
און ער זעהט אין זיי קיין צויבער,
קיין געדאנק —
דער איז אָרים, דער איז בלוטלאָז,
דער איז — קראנק . . . .

שוין פערפאַלען יונגלינג.

נו, שוין פערפאלען, יונגלינג;
זיא ליעבט דיר שוין ניט מעהר!
טאָ הער שוין אויף צו וויינען,
און זיפצען אזוי שווער.

דיין ביינקשאפט וועט פערשווינדען,
אַט וויא דער קול אין וואלד:
דוא וועסט נאָך וויעדער ליעבען,
און — וויעדער וויינען באלד . . .

גענוג, גענוג צו וויינען,
עס וועט פערגעהן דיין „בראָך".
דוא וועסט נאָך דאַרפען טרעהרען
אויף פאר א דריטע נאָך . . . .

א יוגענד פאַנטאזיע.

בלומען שעטץ איך, בלומען ליעב איך,
טראָג זייא אויף מיין ברוסט ארום;
פאר א בלומע — אללעס גיעב איך!
אָלגא, ביסט א שעהנע בלום.

ליעבליך זיינען דיינע וואנגען,
און פעהימעלט איז דיין בליק;
אין דיין הארצעל הער איך קלאנגען,
וויא פון הימלישע מוזיק.

זיססע טעננער פול מיט לעבען,
הער איך זיי — פערגעס איך שמערץ.
אָלגא, אָלגא, איך וואָלט שוועבען
אין דעם הימעל פון דיין הערץ.

אין דעם הימעל וואו עס בלינקען
לעבענס ליכטער, העלל און פריי,
דאָרטען וואָלט מיין זעעלע טרינקען
לעמען פון דעם לעבענס מאי.

דאָרטען... נור... אָה קינד דער פריידען,
זאָג מיר, זאָג מיר בלומען שאטץ,
גיעבט עס אין דיין הארץ גן עדן
פאר מיין שטורם זעעל, א פּלאטץ?

* * *

בלומען שעטץ איך, בלומען ליעב איך,
טראָג זייא אויף מיין ברוסט ארום;
פאר א בלומע — אללעס גיעב איך,
אָלגא, ביסט א שעהנע בלום.

זעהסטו־פריינד אָט יענע לאָנקע.

זעהסטו פריינד אָט יענע לאָנקע?
דאָרטען האָט געבליהט א בלום,
און זיא האָט א מאָהל מיין זעעלע
אָנגעטרונקען מיט פערפיום.

שוין פערבליהט, און שוין געשטאָרבען
איז אָט יענע שעהנע בלום;
דאָך, עס פליסט נאָך אין מיין זעעלע
איהר אמאָליגער פערפיום.

א מאָל און יעצט

א מאָהל פלעגט זיא פרייד אין מיר וועקען,
קוים פלעג איך בעטרעטען איהר שוועל;
איהר בליק פלעגט מיין קערפער צופלאמען,
איהר וואָרט פלעגט ערהויבען מיין זעעל';

יעצט שלידערט זיא כוואלעס פון אומעט—
איהר הארץ איז פון טרויער א קוואל;
און ס'וואנדלען ארום איהרע בליקען,
אַט וויא א פערבלאָנדזשעטער שטראהל!

ניט ווײן, ניט ווײן געליעבטע

מײן אָלגא איז פרעהליך, קוים בין איך בײ איהר,
איז שטאָלץ וויא א מעכטיגער זײל!
דאגעגען, זיא טרויערט, זיא האָט ניט קײן רוה,
קוים געה איך אוועק אויף א וויל'.

אך! אָלגא געליעבטע, גענוג מיט געוויין!
דיא טרעהרען — זײ שמערצען אין מיר.
דוא האָסט דאָך פערלאנגט נור מײן הארץ, און מײן זעעל!
געליעבטע, זײ זײנען בײ דיר!...

צו איהר...

מײן הארץ פון מײן הארצען, מײן זעעל' פון מײן זעעלע,
מײן העכסטער, מײן רײכסטער פערווירקליכטער טרוים,
דײן ליעבע צו מיר, איז צוגלײך וויא דער שוים,
וואָס ווערט נור בעשאפען אין שטראם פון א וועללע...
און שפיעלט זיך, און פינקעלט אנקעגען א שטראהל,
און ווערט באלד צופלאָססען אין מעכטיגען פאלל....

טרוים און ווירקליכקייט

און איך האָב געטרוימט אַז ליעבע,
אין א וועלט פון בלומען טהאָלען,
וועלכע גלענצען וויא קריסטאָלען,
געגען רייכען שטראהלען פראכט —

און איך האָב פון שלאָף ערוואכט,
און דערזעהן מיט אויגען טריבע,
אז דיא טהאָלען פון דער ליעבע,
זיינען פינסטער וויא דיא נאכט!

איך האָב ערוואכט און...

איך האָב געטרוימט: איך זעה מיין צוקונפט,
אויף הויכע זיילען פעסט געשטעלט;
און בין מיט ליעבע היים אומארעמט,
פון איהר, דיא ליעבסטע פרוי דער וועלט.

און יעדער בליק פון איהר, איז צויבער,
און יעדע מיענע — לעבענס לוסט;
און יעדעס וואָרט בעריהרט מיין זעעלע,
און וועקט דאס העכסטע אין מיין ברוסט!

און שטעהט פאר מיר אין גלאנץ געקליידעט!
און טוגענד שטראהלט אראָפּ פון איהר —
....
איך האָב ערוואכט, און — האָב געטראָפען
א שרעקליך־בייזע שלאנג אויף מיר!...

פראקטישע ליעבע

איהר בליק האָט מיין זעהנ־קראפט פערבלענדעט,
איהר שמייכעל — מיין זעעלע בעטויבט,
און דאן, ווען איך ווער וויא צוטומעלט,
דאן האָט זיא מיין הארץ מיר גערויבט.

דאָך ליעבען? — דאָס ווילט זיך, נור ברידער,
וויא קריג איך מיין הארץ צוריק אָפּ?...

. . . .

נור האָב איך קיין הארץ ניט צו ליעבען —
דאן וועל איך שוין ליעבען מיט קאָפּ!...

א גליק...

איך האָב הויך, אין הימעל פון ליעבע געבליקט,
און האָב דאָרטען שעהנע געשטאלטען געזעהן;
און איינע, אך איינע! זיא האָט מיך ענטציקט,
דיא „איינע“ ווען זיא וואָלט נור מיינע געוועז!

איך האָב זיך מיט האָפענונגס פליעגלען בעדעקט,
און בין וויא א שטורם אין הימעל אריין;
און גלייך ביי דיא „איינע“ מיט ליעבע געפרעגט,
אויב זיא וועט מיין ליעבסטע, מיין טהייערסטע זיין.

זיא האָט מיר מיט האס און מיט צאָרען ערבליקט,
וויא איך וואָלט בעגאנגען א שרעקליכע זינד;
דאָך האָט זיא מיר ענדליך מיט ווערטער „בעגליקט“:
„וואָס קריכסטו אין הימעל דו אירדישעס קינד?“

א שרעקליכער וועה האָט ערגריפען מיין הערץ,
און אלעס וויא שווארץ האָט פאר מיר אויסגעזעהן;
איך וואָלט אפשר דאָרטען געשטאָרבען פון שמערץ —
א גליק נאָך וואָס דאָס איז א חלום געוועז...

ליעבע

.1

פון ליעבע דער הימעל,
פון ליעבע דיא וועלט,
איז נור אויף מינוטען
געגרינדעט, געשטעלט...
און וואָלט מען ניט טרינקען,
דיא פרייד דער מינוט,
דאן וואָלט אויך ניט גליהען
פון ליעבע דער גליטה!...

.2

ליעבע איז א וואונדער געטטין,
שטארק אין קערפער, שוואך אין זינן —
ליעבע? אָה, וויא אָפט דיא ליעבע
ווערט א הימעל גילאָטין!

3

זיא האָט פון איהר הארץ מיר דעם שליסעל געגעבען,
איך זאָל דאָרטען זעהן יענע שטראהלענדע זוננען,
פון ליעבע און טרייהייט — נון, האלט איך דעם שליסעל,
דאָך, האָב איך ביז יעצט נאָך איהר הארץ ניט געפונען...

4

איך האָב איהר געזאָגט: געה אוועק!
און זיא איז גאָר פריינדליך געקומען;
איך האָב איהר פערטריעבען פון קאָפּ,
און — זיא האָט מיין הארץ גאָר פערנומען.

5

דו האָסט זיך פערקנס'ט מיט דיין געטין?
געשוואָרען איהר אייביגע טרייהייט?
מיין ליעבער, געזעגען זיך איצטער,
מיט איהר, דיין געליעבטע — דיא פרייהייט.

6

איך האָב פון מיין ליעבסטע אזוי פיעל געדיינקט,
אז איך האָב אָן זיך גאָר פערגעסען,
און ס'האָבען דערוויילע די פלאמען פון ליעבע,
מיין קערפער, און זעעלע צופרעסען...

פרייהייטס קלאַנגען

מיין הארץ

מיין הארץ, מיין הארץ, זיא טרויערט נור,
מיין הארץ זיא וויינט אין מיר!
איך האָב קיין טאָג, איך האָב קיין נאכט,
איך האָב קיין רוה פון איהר.

זיא רוהט ניט איין, זיא ברעכט מיין זעעל!
עס פריהרט מיין לעבענס מאי!
אָה! זאָג מיין הארץ, וואָס איז מיט דיר?!
ווען געהט דער שמערץ פערביי?

עס רוישט, און עס שטורמט
אין הארץ — מיין הערץ,
זיא רוהט ניט, זיא רייסט זיך
זאָ ווילד, מיט שמערץ.
עס הערען זיך טענער
עס זשומט — א קלאנג
עס הוזשעט, עס הערט זיך,
געוויין, געזאנג:

„איך בין נאַטור'ס אַ פאָנאָגראַף,
„איך קלינג דיא ווארהייט אוים!
„און וואָס מען זינגט אריין אין מיר,
„דאָס זינג איך טריי ארוים.

„דאָך צייג איך קיינמאָל פרעהליכקייט,
„איך צייג קיין פריידען שפור,
„און אימער זינג איך מיט געוויין —
„ווייל, ווייגען הער איך נור!

„און וואו איך קום, און וואו איך געה —
„איך הער אַ טרויער קלאנג!
„דערפאר איז אימער דורכגעוועבט
„מיט טרויער מיין געזאנג.

„דערפאר נור זינג איך טרויעריג
„דאס ליעד פון וויסטען שקלאַף;
„ער האָט געזונגען מיט געוויין,
„און איך, אלס פאָנאגראַף,

„מוז זינגען מיט דעם זעלבען קרעכץ—
„איך קען ניט זיין פערשטעלט!
„איך גיעב ארוים דעם וואהרען קלאנג,
„פון דיעזער קייטען וועלט.

דער מאָרד אין וואַלד

(רוסלאַנד געווידמעט)

דאָס איז אין ווינטער צייט געווען,
אונ אללעס איז געווען פערשנעעט;
און ס'האָט א גרויסער פראָסט געברענט,
און ס'האָט א בייזער ווינד געוויהט;

און ראָבען שווארצע וויא דיא נאכט —
זיי זיינען אומגעפלויגען פריי,
און האָבען פריהלינגס טרוים פערשפּאָט,
און אויסגעלאכט דעם שעהנעם מאי.

*　*
*

און פּלוצלונג אין דעם קאַלטען וואלד,
וואָס איז געווען געהילט אין שנעע,
האָט זיך דערפיהלט א פּרילינגס ווינד,
און ס'האָט געהילכט א פרייד געשריי;

און — באלד איז דער געשריי פערביי,
און — חוץ א חיה'ס ווילדען ברום,
אין שרעקליך גרויסען „ראָבען קראַה“,
איז איבעראל געוואָרען שטום...

*　*
*

אין טיעפען, גרויסען, קאלטען וואלד,
איז איינגעבויגען מיט געפיהל,
אן אלטער בוים געשטאנען, און
ער האָט געמורמעלט אין דער שטילל:

„דאָ איז א פריהלינגס ווינטעלע
‚געקומען פאר דער צייט;
„געבראכט מיט זיך פיעל האָפענונג,
„און פריהלינגס פרעהליכקייט.

„ער האָט דיא יונגע בוימעלאך
„דערוואַרעמט און ערפרעהט;
„דאָך, אך! דער בייזער ווינטער האָט
„דעם ווינטעלע געטויט.

„און ווידער שמערצליך, אומעטיג
„איז דאָ געוואָרען באלד;
„און ווידער, ווידער הערשט דער פראָסט
‚אין גרויסען, טיעפען וואלד!...

שלעכטע צייטען

„מענשען פאללען אין דיא גאססען,“
הערט מען וויא מען שרייט —
„הונגער ליידען יעצט דיא מאססען,
„אך, א שלעכטע צייט!
„מענשען לויפען צו דיא הערר'ן
„לייכטערען דיא נויטה,
„און זייא בעטען דארט מיט טרעהרען:
„ארבייט אדער ברויט!“

קענט איהר מענשען זיך בעדייטען
וואס איהר וויינט און שרייט:
„שווערע יאהרען, שלעכטע צייטען“ —
טהוט אייך וואס דיא צייט?
צייטען האבען אונז געבארען,
צוקונפט פארבערייט;
צייטען גיעבען, נעהמען יאהרען,
אבער ניט קיין ברויט!

בליקט אריין מיט טיעפען זיננען
אין דעם מענשען רייך,
וועט איהר דאָרטען אויסגעפינען
ווער עס רויבט פון אייך.
מענשען זיינען דיא, וואָס רויבען
אייער ברויט און רעכט;
זאָגט אנשטאאט דיא „שלעכטע צייטען“:
מענשען זיינען שלעכט!

אהין

אהין, וואו עס שטראהלען פון פרייהייט דיא ליכטער,
וואו לעבען בעלעבט אללע מענשען געזיכטער,
און דאָרט, וואו עס דריקט ניט פון עלענד דער שמערץ —
אהין, דאָרטען רייסט זיך מיין פיהלענדעס הערץ!

אהין, וואו עס דופטעט, און פריהלינג'ס פערפיומען,
צוטראָגען זיך רייך פון דיא פעלדער און בלומען,
און אלץ איז בעגאָסען מיט הימלישען חן —
אהין וואָלט איך ציהען, אהין וואָלט איך געהן.

איך וואָלט דאן געזונגען נור פרעהליכע ליעדער,
ערמונטערט, בעגייסטערט דיא שוועסטער און ברידער,
איך וואָלט אין דיא הערצער געפיהלען געזעעט,
און פויגעלאך וואָלטען מיר הימליש בעגלייט.

איך וואָלט דאן... דאָך שרעקליך... דער טרוים איז
פערפלאָסען —
איך זעה נאָך דיא פרייהייט אין קייטען געשלאָסען!
אָה הימלען! עס פרעסט אין מיין הארץ א געוויין,
איך מוז דאָ נאָך בלייבען — ניטאָ וואו צו געהן!

דיא זון

שטאָלצע זון, אָה, הער אויף שיינען,
הער אויף געבען אונז דיין ליכט;
וויקעל איין אין שווארצע שאאלען
הימלישע, דיין שעהן געזיכט!

שיינסט און ווארעמסט אונזער ערד, און
דאָך עס שווידערט אונז פון קעלט;
פינסטער זיינען מענשען הערצער,
זאָלל אויך פינסטער זיין דיא וועלט!

זאָלל דער ליעבער, שעהנער פריהלינג
ניט ערוואכען פון׳ם שלאָף;
אללעס פינסטער! — זאָלל דאָך נעהמען
פון דער שלעכטער וועלט א סוף!

הימעל זאָננע, דיינע בליקען
מאכען בליהען יעדען בוים;
דיינע שטראהלען ברייננען לעבען
אין דעם טיעפען וועלטען רוים;

אין דיא וועלדער גראָזען, בלומען
ווערען פון דיין שיין ערקוויקט;
הויכע בערג און טיעפע טהאָללען —
אללעס ווערען פון דיר בעגליקט.

זיסע פרוכט, און לעבענס קערנער
ציהסטו פון דער ערד אָהן צאָהל;
און עס זאָגען דיינע בליקען:
„ווער עס וויל געניסען זאָלל!"

דאָך אה זאָננע, ביז דיא וואָלקענס
שניידט א שמערצליכער געשריי
פון גערריקטע, פון געשטיקטע,
וועלכע יאמערען פון וועה.

וואו מען גיט א וואָרף דיא בליקען —
אך! עס בליצט דער בלאנקער שווערד;
איינער איז זאָ שעהן און מונטער,
און מיליאָנען — שווארץ וויא ערד;

איינער טראָגט א קרוין פון גינגאָלד,
רופט זיך הערשער, מאכט זיך רעכט;
און מיליאָנען געהען נאקעט,
און זיי זיינען זיינע קנעכט;

איינער זיצט און הערשט אויף פעלקער,
זיצט טיראניש און בעפעהלט;
ווילל מען זיין בעפעהל ניט פאָלגען,
דאן, אה, פינסטער ווערט דיא וועלט!

דאן, אה, דאָנערען קאנאָנען,
שפריצען קוגלען, פייער גלוטה;
פינסטער ווערט פון רויך דער הימעל,
און דיא ערד ווערט רויט פון בלוט;

רויט פון בלוט, און נאם פון טרעהרען —
מענשען גליעדער איבעראל!
אך! וויא שרעקליך איז דאס לעבען
אין דעם בלוט פערפלייצטען טהאל!

לעבען איז א שעהנער פריהלינג
ווען דיא פרייהייט רוהט דערביי;
לעבען איז א פלאמען העללע,
ווען עס הערשט דיא טיראניי.

אָבער קייטען, שווערע קייטען
דריקען יעדעס מענשען הערץ;
און דער זיסער שטראָם פון לעבען
ווערט צושטערט אין ים פון שמערץ.

— — — — — — — — — — — — — —

זיצענד, בליקענדיג צום הימעל,
פלוכענדיג דעם יאמער טהאל,
האָבען פלוצלונג זיך בעוויזען
ווערטער אין א זאָננען שטראהל.

יעדע זילבע האָט געפינקעלט
וויא מיט גאָלד'נע טינט בעטריפט;
און געלעזען האָב איך שטוינענד
יענע צויבער־שעהנע שריפט:

„ערדען קינד, וואָס העלפט דיין וויינען?
„וויש זיך אָפּ דיין שמערצען טרעהר!
„ערשט אריין אין לעבענס שטורם,
„און דו וויינסט: דער קאמפף איז שווער?!

„שווער דער קאמפף איז ווען פערצווייפלונג
„דרינגט אריין אין לעבענס גלוטה —
„ביסט אין שיפעל, מוזטו שיפען
„וויא א העלד מיט העלדען מוטה!

* * *

„לײדענד קינד, גענוג מיט טרעהרען!
„בליק א וייל' צו מיר ארויף,
„זעה: מיין פנים ברענט און פלאקערט
„ווען איך געה אין הימעל אויף.

„געהנטער ווען איך קום צו ד'רערד, און
„הער דעם מענשענ'ס שמערץ געשריי,
„דאן ווער איך רויט פון שאנד און צארען,
„און איך פלוך דיא טיראנניי.

„דאך ערפיעל איך אללע פפליכטען,
„אלץ צו וואס איך בין געשטעלט;
„איך מאך ליכטיג ערד און הימלען,
„און בעלעב דיא גאנצע וועלט.

* *
*

„פיעלעס קען איך דיר דערצעהלען;
„פיעלעס האב איך צוגעזעהן,
„נאך צוריק מיט מאסען יאהרען
„וואס ביי מענשען איז געשעהן.

„אימער האט מען שלאנג גערופען,
„און געפריידיגט ווילדען האס
„געגען יענע, וועלכע הייסען
„עסען פרוכט פון „עץ הדעת";

„אימער האט דאס הערץ געבלוטעט
„וואו דיא ווארהייט האט געגליהט;
„אימער האט מען בראווע מענער
„אין דער שווערער קייט געשמידט.

„דאָך דער גרויסער גייסט פון וויסען
„האלטענד הויך דיא ווארהייט'ס פאָהן,
„האָט געבראָכען געטער טהראָנען,
„און ערציטערט גאָט „מאמאָן".

„וויסען איז דיא צווייטע זון, וואָס
„האָט דיא מענשען ניי בעזעעלט;
„און מיט איהרע גאָלד'נע שטראהלען
„שווארצע וועלטען" ניי פערהעלט...

„און ווען מענשען וועלען וויסען
„אז צו אל'מען געהערט דיא ערד,
„וועלען שקלאפען העלדען ווערען,
„רעכט פערלאנגען מיט'ן שווערד.

„און דיא געטין פרייהייט וועט דאן
„קומען פול מיט פרייד און לוסט,
„און אייך יעדען וויא א מוטער
„הערצליך דריקען צו איהר ברוסט.

* *
*

„וויין ניט, וויין ניט, זיי ניט מוטהלאָז,
„ערנסט, קעמפפענד איז דיא צייט;
„פייגלינג רופט מען דעם וואָס בייגט זיך,
„קעמפפער — דעם וואָס געהט אין שטרייט!

א ביסעל געדאנקען

דאָס הארץ איז א הימעל, און האָפנונג — דיא זון, און
דיא צארטע געפיהלען — דיא שטערען דער וועלט;
דער מענשליכער קערפער, איז גלייך צו דעם וועלט רוים,
וואָס אללעס אין איהם איז צוזאמען געשטעלט.

און אין דיא געהירען, הויך, איבער'ן הימעל,
דאָרט וואָהנען די געטער—דער גייסט און פערשטאנד;
זייא פיהרען דיא זונן, און בעציהרען דיא שטערען,
און וועבען פאר לעבען פון בלומען א באנד...

נור דיק שווארצע וואָלקען, וואָס שוועבען אין „הימעל",
פארשטעללען דיא „געטטער", פארלעשען דיא „זונן";
און יענע הויט-גליהענדע הימלישע „שטערען"
אך ווערען פערדונקעלט, פארפראָרען דערפון!

אָה געטטער! איהר שעפפער פון קונסט און פון שעהנהייט,
וואָס זייט איהר זאָ טרוימיש, זאָ שטום און פערטראכט?
פערניכטעט דיא שטאָפען, וואָס בילדען דיא וואָלקען
דאן וועט ווידער לעבען דער הימלישער פראכט!...

די גערעכטיגקייט צו רוסלאנד

אָה, רוסלאנד בלוטיגע! דוא האָסט מיין קרוין געשענדעט,
דו האָסט מיט אונשולד'ס בלוט, מיין הויכען
טהראָן בעפלעקט;
מיט שווארצע גייסטער האָסטו לאנג די וועלט געבלענדעט,
און פרעך צו מיר, מיט בליקען פאלשע זיך געווענדעט,
און דיק, מיט שאנד און שפּאָט, מיין שטאָלצע קרוין
בעדעקט.
אָה רוסלאנד בלוטיגע! דיין זעעל וועט קרעכצען,
קוים וועסטו קומען פאר מיין ריכטער שטוהל.

עס האָבען פעלקער אויך וויא דו, מיין קרוין געטרעטען,
אין אש און שטויב פערוואנדעלט האָב איך לאנג
שוין זיי!
אין פעך, און שוועבעל, האָב איך זייער מאכט געקנעטען,
און ווייענד מיטלייד האָבען זיי ביי מיר געבעטען,
דאָך ניין! אומזיסט, אומזיסט וואר זייער הילפס געשריי!
אָה רוסלאנד בלוטיגע! טיראנען ווייגען,
קוים קומען זיי נור פאר מיין ריכטער שטוהל!

יאהרהונדערטע אך, האָסטו שוין אין זינד געזונקען,
און אימּמער גרויזאם האלסטו נאָך דיין מערדער רוט;
דיא בעסטע קינדער מיינע, און דיא פרייהייט'ס פונקען —
אין בלוט און טרעהרען האָסטו הערצלאָז זיי דערטרונקען,
און אימּמער, אימּמער לעכצטו נאָך נאָך מענשען בלוט.
און אימער שטורמט נאָך דיין מאָרד־פערלאנגען
אָה! רוסלאנד בלוטיגע, דיין ענדע קומט!

שוין טראָגען מעכטיג זיך ארום טראָמפּייטען שאללען,
און ווייסטו רוסלאנד, וואָס דער שטורם קלאנג בעדייט?
דיין גליקעס שטערען איז אויף אייביג שוין געפאללען,
און אויסגעטריקענט זיינען דיינע לעבענס קוואלען,
און יעצט — דאָס זאָגט דיין טוידטעס אורטהייל
אָן דיא צייט!
שוין קלינגען שטורמדיג לויה גלאָקען,
באלד פיהרט מען שוין דיין שווארצען לייכען צוג.

און פון דיא פעלקער קללות, וועל איך דיר תכריכים וועבען,
און אין דעם תהום פון שאנדע וועט דיין קבר זיין,
און נייע דורות וועללען דאן דיין ערד בעלעבען,
און מעכטיג שטראָמען וועט אין זיי דער הויכער שטרעבען,
צו פרייהייט'ס פראכט, און גלאנץ, און גליק,
און זאָנענשיין;
און.....................................
....
רוסלאנד בלוטיגע — דיא גלאָקען קלינגען!
באלד פיהרט מען שוין דיין שווארצען לייכען צוג.

וואו בליהען דיא בלומען?

אָה פריינד מיין, דו זאָגסט, אז דיא וועלט איז פערפלאנצט
מיט שרעקליכע גיפטיגע קערנער;
דו זאָגסט: איבעראל, וואו דו ווארפסט נור דיין בליק,
דערזעהסטו הק שטעכענדע דערנער;
דו זאָגסט, אז דיא וועלט איז פערגיפטעט, פארזועט
מיט ווילדע, מיט גיפטיגע שטאָפען;
דו זאָגסט, אז דו האָסט נאָך קיין בלומען בעמערקט,
דו האָסט נאָך קיין בלומען געטראָפען?—

דו זאָגסט... נור גענוג שוין צו שענדען נאטור,
גענוג דיר דיא וועלט צו פערפלוכען!
דו טרעפסט אימער דערנער און דאָס איז דערפאר:
דו ווייסט ניט, וואו בלומען צו זוכען!
דו זוכסט מיין פריינד בלומען וואו אלעס איז ווילד,
וואו אלץ איז פערדאָרבען געוואָרען —
און קוים נור פערפלאנצסטו א בלימעלע דאָרט,
דאן מוז זיא אויך ווערען א דאָרען . . .

דאָך, קום, מיין פריינד, קום אין דיא פעלדער פון נויטה,
וואו אלץ איז מיט טרעהרען פערונען;
אַט דאָרט, אין דיא פעלדער פון עלענד און פיין —
דאָרט האָב איך נאָך בלומען געפונען!
און בלומען דיא שעהנסטע, דיא בעסטע פון אללע,
וואָס אונזער נאטור האָט געבאָרען —
דאָך זעה, מיין פריינד, זעה, וויא זיי ליידען פון „פראָסט"—
אויך זיי, דוכט מיר, געהען פערלאָרען...

זיי וועלקען דערפאר, ווייל דיא בלומען, מיין פריינד,
זיי דארפען גאָר דער פריהלינג ערציהען —
און דאָ אין דער וועלט איז „דעצעמבער" אין קראפט —
דערפאר איז זיי שווער דאָ צו בליהען.
און ווילסטו דיא וועלט זעהן אין אייביגען גלאנץ,
דיא פעלדער און וועלדער — מיט בלומען;
דאן קעמפף געגען ווילדען און שרעקליכען „פראָסט"
און שטרעב, אז דער „פריהלינג" זאָל קומען.

דער נייער פסח

פסח איז זאָגאר א יום טוב
אויסגעשניצט פון „ניסים דריידלאך,"
און דיא מצות בהעכען צעהנער —
דאָך עס זיינען וויך דיא קניידלאך...

אויב מיר גלויבען ניט אין ניסים,
און אין גאָטט'ס געשיינקטע טריהייט,
שמעקט דער פסח דאָך מיט פריהלינג,
און ער דופטעט שטארק מיט פרייהייט!

* * *

יא יא פסח וועט נאָך קומען
ווען עס וועלען ניט נור אידען
פייערען זיין גלאנץ און פריעדען —
אללע מיט דיא שעהנסטע בלומען,
וועלען לויפען איהם אנקעגען,
און איהם ברייגגען פרייהייט'ס זעגען.

און מיט ליעבע, וועלען
אין דער צייט פון פריעד
אללע הערצער, זעעלען
זינגען איהם א ליעד.

דאן וועט זיין א נייער סדר,
און א שעהנערע הגדה
וועט מען לעהרנען מיט התמדה
אין דעם גרויסען פרייהייט'ס חדר...
אין שטאדט מרור און חרוסת,
וועט מען הויבען הויך דיא כוסות,

און עס וועט ניט פעהלען
אין דיא בעכער'ס וויין,
און דיא מענשען וועלען
פריי און גליקליך זיין.

דאָס פאָלק

(א בליק אין דער צוקונפט)

עס דאָנערען קולות פון פרייהייט׳ס טראָמפּייט,
עס הערען זיך פרייהייט׳ס סיגנאַלען;
עס רוישט אין דיא גאַססען, עס שטורמט, עס קאָכט,
דיא וואַנד פון געדולד איז צו פאַללען!
די וואַנד וואָס האָט אייביג דעם רעכט׳ס גייסט פאַרשטעלט
האָט ענדליך געקראַכט מיט א שרעק פאַר דער וועלט.

דיא צייט איז געקומען, דיא צייט האָט געבראַכט
מאָמענטען פון דיינקען, פון וויסען;
דאָס פאָלק האָט ערשטורמט מיט שרעקענס געוואַלט:
„מיר ווילען פון קייטען ניט וויסען!“
„מיר ווילען ניט זיין מעהר קיין שקלאַפען, קיין קנעכט,
„מיר ווילען וויא מענשען דאָס מענשליכע רעכט.

„גענוג שוין געליטען פון עלענד, פון שמערץ,
„גענוג שוין צו דולדען דיא נויטהען!
„הורך פייער, דורך פלאַמען, דורך דאָנער און בליץ —
„מיר מוזען צורייסען דיא קייטען!“
דאָס פאָלק האָט ערשטורמט, און, וועה דעם טיראַן!
עס שפּריצט וויא מיט פייער דער פרייהייט׳ס וואולקאַן.

איהר הערט דיעזע קולות פון פרייהייט'ס טראָמפּייט?
אין איהם איז פיעל שרעקען פאראנען;
ווייל יעדער סיגנאל איז א פייער גראנאט,
אין הארצען פון אללע טיראנען.
מיט דיעזע טראָמפּייטען, דעם זעלבען געפיהל,
יא, האָט מען צובראָכען דיא ווענד פון באסטיל.

מיט דיעזע טראָמפּייטען, דעם זעלביגען גייסט,
יא, האָט מען שוין הערשער דערשטאָכען;
מיט דיעזע טראָמפּייטען, דעם זעלבען געפיהל —
טהראָנען און קראָנען צובראָכען.
דאָס פאָלק האָט ערשטורמט, דאס פאָלק האָט ערוואכט,
דער טאָג איז געקומען — פערשוואונדען דיא נאכט.

דער טאָג איז געקומען פון ראכע און בלוט —
— עס קעמפּפען וויא העלדען דיא מאסען! —
דיא ראכע פון דיא, וועלכע האָבען דאָס פאָלק
געשליידערט וויא הינד אין דיא גאסען.
דאָס פאָלק איז זאָ קעמפּפענד, עס בלישטשעט דער שווערד,
עס קראכען קאנאָנען, עס ציטערט דיא ערד!!

מיט רויך, און מיט שטויב, איז דער הימעל בעדעקט,
עס פליהען דיא קוגלען, דיא פיילען;
זייא ברעכען פאלאסטען, צורייסען דיא וואנד —
עס שטירצען דיא גאָלדענע זיילען.
עס פאלען דיא הערשער, עס שטורמט דער שטרייט,
עס שטירצען דיא טהראָנען — אויף אלץ איז א צייט.

דאָס פאָלק האָט געליטען צייט טויזענדער יאָהר,
דאָך — ענדליך, עס וויל שוין ניט דולדען!
און וועה אייך מאגנאטען! איהר קענט דאָך דאָס פאָלק —
ער מאָהנט מיט'ן שווערד זיינע שולדען!...
דאָס פאָלק איז א קינד ווען עס שלאָפט נור אין וויעג —
דאָס פאָלק איז א שרעקליכער קעמפפער אין קריעג!

נאכט בילדער

אויסגעטהאָן פון שווערען טרויער,
בין איך אויף מיין בעט געלעגען,
און געטראכט פון יענעם מאָרגען,
וואָס וועט ברייננגען מענשען גליק;
פון דעם מאָרגען, ווען דיא זוננען
פון דיא העכסטע אידעאללען,
וועלען צינדען לעבענס ליכטער,
אין דאָס דונק'לע מענשען הארץ.

הויכע, רייכע פאנטאזיען
האָבען זיך געוועבט אין ווארהייט,
און זיי האָבען, וויא מיט צויבער,
צוגעצויגען דאָרט מיין בליק;
און איך האָב געזעהן דיא בילדער
פון דיא הימעל־שעהנע וועלטען,
וואו דיא האָפענונגען מיינע,
האָבען אייביג פריי גערוהט.

לאנגע, בלוטיג רויטע פאָהנען,
האָבען הויך, און ווילד געפלאטערט,
און געוואָרפען זיי'רע ברעגען,
אין דיא ווינקלען פון דער וועלט;
און דיא גלייכהייט האָט מיט יובעל,
אויסגעשפרייט דיא שטאָלצע פליעגלען,
און דער גלאנץ פון וואהרע ליעבע,
האָט געשפיעגעלט זיך פאר מיר.

וויא דער אָדלער, וויא דער שטורם,
איז מיין זעעלע שטאָלץ געפלויגען,
און דער גרויסער־פריידען פייער,
האָט געפלאקערט אין מיין הארץ;
ענדליך... דיקע, שווערע וואָלקען,
האָבען אללעס שווארץ פערצויגען,
און א ווילדע שרעק, און מורא,
האָט געוועלטיגט איבעראלל.

שווארצע, בויזע שרעקענס גייסטער,
האָבען זיך מיט שפּאָט בעוויזען,
און א טייפלישער געלעכטער
האָט געקלונגען אין דער לופט;

און מיט שרעק, און ווילדע קולות,
זיינען זיי צו מיר געקומען,
און געבליצט מיט בלאנקע מעסער'ס,
און געשפּאָטעט איבער מיר:

„ניט דער טרוים פון שטאָלצע טרוימער,"
„וועט פערניכטען אונזער אלל־מאכט;
„ניט דיא פיילען פון געדאנקען,
„וועלען שטירצען אונזער טהראָן —
„אונזער טהראָן איז פעסט געמויערט,
„אויף דיא זיילען פון דער דומהייט,
„און דיא צייט פון אונזער הערשאפט,
„איז אויף אייביג אונבעגרענצט."

און א שווערער, שווערער טרויער
האָט געדריקט, געפּרעסט מיין זעעלע,
און פיעל טרוי'ריגע געדאנקען
האָבען דורך מיין קאָפּ געבליצט:
יאָהרען טויזענדע פערשוואונדען
פול מיט שרעק, און פול מיט מורא,
דאָך, דיא נאכט מיט איהרע שרעקען,
האָט נאָך אלעס ניט קיין ענד.

װעהע! װעהע! גרויסע ימים
שטראָמען שוין פון מענשען טרעהרען,
און פון בלוט געפּארבטע פאסען
װיקלען זיך ארום דער ערד!...
דאָך דער גרויסער װעלטען יאַממער,
שפּאלט נאָך אימער דורך דיא הימלען,
און פון מערדער שװערד — אך! רינט נאָך —
רינט נאָך הייסע מענשען בלוט!

װעט דיא נאכט, מיט איהרע גייסטער
שוין אויף אימער, אייביג הערשען?
און דער שװערד, מיט זיינע שרעקען
װעט שוין אייביג בליצען פרייא?
און אלץ שװערער, שװערער, מיעדער
איז מיין זעעלע דאן געװאָרען,
און אין דיקען טרויער־מאנטעל
האָב איך פעסט זיך איינגעהילט.

הייסע, זודיג הייסע טרעהרען,
האָבען זיך פון מיר געגאָסען,
און בענעצט דעם גרויסען עלענד,
און דעם אונגליק פון דער װעלט

און בעוויינט דעם טיעפען טרויער —
פלוצלונג... געהילט אין שטראהלען,
איז א גייסט פאר מיר ערשיענען,
מיט א פאקעל אין זיין האנד.

„וואך שוין אויף פון טיעפען טרויער!“
—האָט זיין שטימע הויך געקלונגען —
„וואך שוין אויף, און דיינע טרעהרען
„וויש זיך אָפּ פון דיין געזיכט!
„טרעהרען, קינד, זייא קענען אָפּטמאָל
„נור פערלייכטערען אין הארצען —
„אָבער, ווייס מיין קינד, אז טרעהרען
„היילען קיין מאָל ניט דעם שמערץ.

„צווייא קאָנטראסט אללמעכטיגע קרעפטען,
„פיהרען אָן דעם לעבענס שיקזאל;
„ליכט און פינסטערניס — דאָס זיינען
„דיעזע וואונדער קרעפטען צווייא.
„לעבט דיא ערשטע, מוז דיא צווייטע
„מיט איהרע שווארצען שרעק פערשווינדען,
„לעבט דיא צווייטע, קען דיא ערשטע
„מיט איהר צויבער פראכט ניט זיין.

„שווערע וואָלקען, שווארצע נעבלען,
„דעקען צו דיא ערד און הימלען,
„און מיט גרויזאמקייט, און שטורם
„הערשט דער קעניג פון דער נאכט.
„ווילסטו פרייד, און גלאַנץ און ליעבע
„זאָללען דיעזע וועלט בעלעבען?
„צינד אָן גרויסע, גרויסע ליכטער
„און די נאכט — זיא וועט פערגעהן

„און דער טאָג פון פרייד, און פריעדען
„וועט ערשיינען אויף דער ערדע
„און בעלעבען אללע זעעלען,
„מיט זיין צויבער, מיט זיין גלאַנץ!"

. . . .

און — געהילט אין העללע פלאַמען,
איז דער גייסט פון מיר פערשוואונדען,
און איך האָב מיט פרייד, און שטוינען
פון מיין טיעפען שלאָף ערוואכט.

מיינע האָפענונגען

(דמיונות)

זיסע האָפענונגען מיינע,
  פאנטאזיען רייך,
צו דיא כוואלעס פון דיא ימים,
  זייט איהר אלע גלייך.
אָפטמאָל שטייגט איהר צו דיא וואָלקען
  מיט א ווילדען שטראָם;
אָפטמאָל פאלט איהר וויא דיא שטיינער
  טיעף אין שווארצען תהום!

הייבט איהר שטירמיש אָן צו שטראָמען,
  הייבט איהר שטייגען אָן —
דוכט מיר, אז איך ווער געטראָגען
  הויך, צו פרייהייט'ס טהראָן;
דאָרטען, אין דיא שעהנע לענדער,
  וואו דיא פריידע שטראהלט
און דיא שטארקסטע לעבענס גלוטהען
  ווערען קיין־מאָל קאלט. . . .

אך! וויא גוט איך פיהל מיך דאָרטען,
און מיין גליק וויא קלאָהר!
אלע שיינהייטען פון לעבען
קומען דאן מיר פאָר!
יענע בילדער, וועלכע יוגענד
מאָהלט אין גאָלד־קאָליר;
יענע אלע צויבער בילדער
שוועבען דאן פאר מיר.

אויף א שטוהל פון גאָלד'נע שטראהלען,
געטליך אויסגעשניצט —
דאָרטען זיצט דיא געטטין פרייהייט,
און זיא שטראהלט און בליצט;
דאָרטען זיצט זיא וויא א צויבער
מיט איהר בלומען־קרוין;
און איהר צארטער בליק און שמייכעל
פארבט דיא וועלט מיט חן.

אך! וויא ליעבליך איז איהר מיענע,
און איהר בליק — וויא מילד!
אלע וועלטען וואָלט איך געבען
פאר איהר צויבער בילד.

און מיין הארץ—זי שטורמט רייסט זיך,
ציהט זיך נור צו איהר....
פלוצלונג קלינגט איהר זיסע שטימע:
„קום מיין קינד, צו מיר!"

„קום מיין קינד אין מיינע ארעמס,
„קום, מיין אָרים קינד!
„אייביג וועל איך דיך בעשיצען
„פון'ם שטורם ווינד!.....
„אייביג — נור גענוג דיר וויינען!
„וויש זיך אָפּ דיין טרעהר!
„וועסט ניט שמאכטען, וועסט ניט ליידען,
„וועסט ניט וויינען מעהר!

„זעה נור קינד מיין וועלט דער ליעבע,
„גיב נור קינד א בליק;
„אייביג דאָ מיט מיר צוזאמען,
„וואָהנט דאס מענשען גליק;
„אייביג" — און איך זעה עס קומען,
זינגענד הויך און רייך,
פילע טויזענדער געשטאלטען
וויא דיא געטטער גלייך.

געטטין, צויבער קעניגינע,
— רוף איך שטוינענד אוים —
געטטין אייביג ליעבע מיינע,
זאָג דעם סוד מיר אוים:
ווער האָט דיעזע וועלט בעשאפען?
זאָג און שטיל מיין וועה!
און דיא מענשען, וועלכע קומען —
זאָג, ווער זיינען זיי?

„מענשען“ — קלינגט איהר זיסע שטימע
הויך אין איהר געצעלט —
„מענשען זיינען דיא באשעפער
„פון דער צויבער וועלט.
„און אָט דיעזע, וועלכע קומען
„לוסטיג, פרעהליך אָן,
„דיעזע זיינען דאָס דיא געטטער
„פון מיין וועלט און טהראָן —

„שלעכט איז זיי אמאָל געוועזען,
„און געליטען שווער;
„פלעגען שטענדיג זיך בעגיסען
„מיט א הייסע טרעהר;

„שלעכטע מענשען פלעגען קומען
„מיט א ווילד געשריי,
„און זיי פלעגען אלץ אָהן מיטלייד
„צונעהמען פון זיי.

„און זיי האָבען לאנג געליטען,
„לאנגע, לאנגע יאָהר —
„און זיי פלעגען שטענדיג זיצען
„און שפילל וויינען נאָר.......
„פלוצלונג, וויא א זייל פון ליכטער
„אין א שווארצע נאכט,
„האָט דער הויכער גייסט פון לעבען
„טיעף אין זיי ערוואכט.

„און מיט שטורם, הויך און מעכטיג,
„איבער בערג און טהאל,
„האָט דער הויכער גייסט געדאָנערט:
„גלייכהייט איבעראל!
„גלייכהייט פאר דיא מענשען קינדער,
„אין דעם וועלטען־רייך!
„פריידע, פריידע זאָלען טרינקען
„אלע מענשען גלייך!

„און זיין שטימע האָט ערשטורמט
„גרויסע געטטער ווענט,
„און וויא גלוטהען, פלאמען, פייער,
„האָט זיין וואָרט געברענט!
„און — זיי ווייסען, קינד, דאָס הויכע
„פון דער מענשען־וועלט:
„בערג און פעלזען שפריצען פייער
„ווען דער מענש בעפעהלט!

* *
*

„זעה מיין גלאַנץ און זעה מיין פריידע,
„זעה מיין גרויסקייט בליהט!
„זעה, דער פריהלינג מיט זיין צויבער
„ליעגט פאר מיר געקניעט!
„דאָך, ניט אייביג וואר איך גליקליך,
„ניין, מיין קינד, אָה, ניין!
„ווייט אין וועלדער פלעג איך ליעגען,
„צווישען פעלז און שטיין.

„ווייט אין ווילדערניס, וואו לעבען
„האָט מען ניט געזעהן;
„דאָרט, אויף גרעבער פון נאציאָנען
„איז מיין היים געוועזן;

„פלעג זאָגאר אָפט שטימען הערען,
„וויא מיך רופט דיא נויטה....
„פלעגען אָבער באלד פערשטומען
„וויא דער שווארצער טויט....

„און אזוי בין איך געלעגען,
„אך — וויא לאנג! וויא לאנג!
„קיינער פלעגט צו מיר ניט קומען
„מיט א פריידען קלאנג.
„אָפטמאָהל פלעגט פון טיעפען עלענד
„ברעכען זיך מיין הערץ,
„דאָך ניט איינער פלעגט דאן קומען
„לייכטערן מיין שמערץ.

„פלוצלונג, ליעגענד טיעף געזונקען
„אין דעם תהום דער צייט —
„האָבען שטימען הויך ערקלונגען:
„— פרייהייט, ביזט בעפרייט!
„פרייהייט, פרייהייט, שעהנע געטטין,
„קום — פארלאָז דיין צעלט!
„קום, און ווייז זיך מיט דיין גרויסקייט,
„פאר דער גאנצער וועלט!"

„אך! ווער וועקט מיך פון מיין טרויער,
„האָב איך דאן געקלעהרט?
„און מיין ווײנען און מיין קלאָגען —
„ווער האָט דען דערהערט?
„דאָך דיא שטיממען פלעגען ווערען
„שטארקער נאָך פון מאָל,
„און איך בין מיט פרייד געפלויגען
„נאָך דעם שפור פון קול —

„און איך האָב דערזעהן מיט שטוינען,
„מענשען אָהן א שיעור
„קומען יוב'לענד מיך אנקעגען,
„און בעגריסען מיר —
„אללע פרעהליך, אללע ליעבליך,
„וויא דער בלומען־דופט,
„און עס האָבען הויך געקלונגען,
„שטיממען אין דער לופט:

„— פרייהייט, שטאָלצע קעניגינע,
„הערצליך זיי געגריסט;
„קום — דיא טעמפּלען פון טיראנען
„ליעגען שוין פערוויסט;

„קום — דיא שווארצע מענשען־גייסטער
„ליעגען אלע טוידט,
„און דיא גלייכהייט האָט דיא פליעגלען
„איבער אונז צושפרייט.

„און איך בין צו זיי געקומען.
„אך, מיין קינד! מיין קינד!
„פריידע, פריידע האָט געשטורמט
„וויא דער שטארקסטער ווינד!....
„אללע שטירמיש, הויך בעגייסטערט,
„פול מיט לעבענס לוסט;
„אללע האָבען מיך אומארמט
„און געדריקט צום ברוסט.

„און מיט מירטען און מיט בלומען
„שעהנע אָנגעטהאָן;
„און מיט יובעל מיך געטראָגען
„צו דעם העכסטען טהראָן...
„און איך האָב דעם טהראָן בעשטיעגען
„פול מיט גלאנץ און פראכט —
„און זיי האָבען מיך אלס „העכסטע"
„איבער זיי געמאכט.

„יעצט מיין קינד הויב אויף דיא אויגען,
„קוק זיך דאָרטען איין;
„זעה, דיא שטראהלענדע געזיכטער —
„פון דיא ליעבע מיין.“
און איך זעה וויא פולקען מענשען
קומען פרעהליך, פריי;
און זיי זיינען פריש און רייצענד,
וויא א בלום אין מאי;

און זיי זינגען אלע ליעדער
נור פון פרייד און רוה;
און דיא פייגעלאך פון הימעל
זינגען זיי נאָך צו;
און זיי קומען אללע נעהנטער
צו דיא געטין אָן;
און זיי ווארפען אלע בלומען
צו איהר געטער טהראָן!

שטיל, אומארעמט פון דיא געטין,
שטעה איך און איך טראכט,
פון דיא וועלט, וואָס מענשען־געטער
האָבען זיך געמאכט!

אך! וויא ליעבליך, שעהן, הארמאָניש,
איז דאָ אלץ געשטעלט!
און איך בליק מיט שפּאָט ארונטער,
אויף דער שקלאפען וועלט!...

* *
*

זיסע האָפענונגען מיינע,
פאנטאזיען רייך;
צו דיא כוואלעס פון דיא ימים,
זייט איהר אללע גלייך.
שטייגט איהר—ברענט אין מיר דיא פריידע,
ווערט מיין זעעלע היים—
הויבט איהר אבער אָן צו פאללען,
אך, מיין שמערץ וויא גרוים!

אך, וויא גרוים דיא וויהען זיינען!
און מיין הארץ — וויא ווילד!
אלע הימלען, דוכט מיר, ווערען,
וויא א שרעקענס בילד;
אללע ליכטער אויסגעלאָשען,
זעה קיין לעבענס שפור;
אללע ווינטען פרייגעלאָזען —
שרעקליך דיא נאטור!....

און דער טוידט... מיר דוכט, איך זעה איהם —
ציהט זיין בלאנקע שווערד...
און איך פאל פון שרעק ארונטער,
וויא א שטיין צו ד'רערד!
גרויסע שטראָמען בלוט אָהן אויפהער,
גיסט זיך פון מיין הארץ —
און פון אלץ, וואָס בלייבט מיר איבער,
איז א וועלט מיט — שמערץ.

ליעבע אָדער פפליכט?

(פּאָעמא)

וויא דער העלד אין ווילדען שטורם,
וויא דער טיגער, פריי אין פעלד;
וויא דער אָדלער דורך דער וויסטע —
פליהט א יונגער, שטאָלצער העלד!

זעהט זיין מיענע, שטאָלצע שטריינגקייט,
זעהט זיין פנים — פלאמט און גליהט;
אלעס ברענט און אלעס ציטערט,
אונטער זיינע שטארקע טריט.

פליהט וויא שטורם — רוהט קיין ווילע,
און זיין ווילען — שטארק וויא שטאָהל!
אָנגעגורט אין פייל און בויגען,
פליהט ער איבער בארג און טהאָלל.

* * *

אין וואלד, דאָרט ניט ווייט, פון א רוישענדען וואססער'ל,
צווישען דיא יונגינקע בלימעלעך פיעל;
צווישען דיא יונגע באבלעטערטע ביימעלעך,
זיצט זיך א יונג־פריי גאנץ רוהיג און שטילל.

שעהן איז זי—זעלטענהייט, ליעב—ווי די טוגענד זעלבסט,
אנגענעהם — גלייך וויא פון מאָרגען דער שיין;
צארט — וויא א בלומעלע, מילד — וויא דיא צערטליכקייט,
נור, עפעס אומעטיג שיינט זיא צו זיין.

רעדט גאָר קיין וואָרט צו מאָל, וואַרפט איהרע בליקען נור,
איבערען וואַסער'ל זאָרגזאַם און מיעד;
וואַרפט איהרע בליקען ווייט, זוכט עפּעס נייגעריג,
און... עפּעס הערט זיך, זיא זינגט זיך א ליעד:

„מעגען דיא וואַסערען פליסען נאָך שטראָמיגער,
„מעגען דיא שאָלען זיין טיעף אָהן א שיעור —
„מעגען דיא בערג זאָגאַר, זיין וויא דיא וואָלקען הויך,
„אייביג, געליעבטער מיין, לעב איך פאר דיר.

„מעגסטו פערשטויסען מיך, טיעפער אין עלענדקייט,
„מעגסטו פערלעשען דעם לעצטען געפיהל;
„אלץ אָבער וועל איך פערטראָגען מיט דולדזאַמקייט;
„הולדען דיא שמערצען מיין, וויינען גאַנץ שטיל.

קוים אָבער האָסטו א האַרץ, וואָס קען פיהלען נאָך,
„קוים אבער קענסטו נאָך פיהלען א שמערץ —
„קום דאַן, געליעבטער מיין, קום צו מיר, עלענדער,
„לייג אָן דיין קאָפּ אויף מיין שטירמישעס הערץ.

„קום—אויב אוים ליעבע ניט, טהו דאָס אוים מיטלייד דאָך,
„קום, אויב עס גליהט נאָך רחמנות אין דיר.
„און לעש מיט דיא טרעהרען פון מיטלייד. דעם פייער,
וואָס דו האָסט געליעבטער געצונדען אין מיר.

דאן מעגסטו פערשווינדען צו איהר, דיין געליעבטעסטע,
„אייביג זיך טהיילען מיט איהר דיינע פרייד.
„און איך וועל פארגעהן דאָ, אין אייביגע עלענדקייט,
„אייביגע קומערען, אייביגע לייד״.

* *
*

עס שטומט דער וואלד, דיא בוימער טרוימען,
עס וועהט אן אומעטיג געפיהל;
דיא צוויינען היינגען שטילל ארונטער,
דיא לופט איז ריין, דיא לופט איז שטילל.

דער וואסער רוהט, מען זעהט קיין שטראָמען —
ס'איז שטילל, מען הערט קיין רויש פון איהם.
און ענדליך, דורך דיא שטיללע צווייגען,
ערקלינגט א הויכע טרויער־שטים.

דיא שטיממע קלינגט און... אך!... ערביטערט,
ערשיינט דער העלד מיט זיין געוועהר.
און וויא פערצווייפעלט זיינע בליקען,
ווארפט ער אום אהין און הער.

ער קוקט זיך אום — און זיינע אויגען
פון הייסע טרעהרען דורגענעצט.
און וויא ערמיעדעט, קלעגליך, רופט ער:
„מיין ליעבסטע!... אך... וואו ביסטו יעצט?...״

„וואו ביסטו? זאָג... אה, טרייע מיינע!
 וויא שרעקליך דריקט אין מיר דער שמערץ,
„זייט איך האָב איינזאם דיך פערלאָזען,
„אין טיעפען קוממער, טיעפען שמערץ.

„דאָך קינד, פערגיעב... פערגיעב מיר טרייע!
„איך האָב קיין שולד ניט אין דיין וועה;
„איך בין געוועזן דאן וויא פערצווייפעלט,
„צווישען גרויסע פלאמען צוויי!

„דיין ליעבע האָט מיין הארץ געצויגען,
„מיין זעעל געקניפט מיט טרייהייטס באנד.
„מיין פאָלק האָט וויינענד מיך גערופען,
בעפרייען איהם, פון שקלאפען שאנד!

„מיין פאָלק... וויא שרעקליך וואר זיין לאגע!
„וויא ביטער וואר זיין שמערץ און פיין!
„און וואָלט איך דיעזע שטים דערשטיקט דאן —
„אך! גליקליך וואָלט איך קיין מאָל זיין!

„ווען פרעהליך וואָלט איך פאנטאזירען,
„פון ליעבע, לעבען, פרייד און לוסט;
„און טרוימענד אין דיין אָרים ליעגען,
„און טרינקען פריידע אויף דיין ברוסט.

„דאן וואָלט א שטים צו מיר געשריען:
„פערגעטהער דו! אָהן הארץ, געפיהל!
„ווען דיינע ברידער קרעכצען, וויינען,
„דאן זיצסטו רוהיג, גליקליך, שטילל!...

„ווען דיינע שוועסטער, ברידער, שמאכטען
„אין קייטען פון דער טיראַניי;
„און יונגע קינדער גיסען טרעהרען —
„דאן זיצסטו רוהיג, גליקליך, פריי!...

„אָה, ליעבסטע מיין, וויא קלעגליך, ביטער,
„וואָלט קלינגען דיעזע שטים פאר מיר!
„און האסס, און פלוך, און עלענד וואָלטען
„אויף אייביג קלאַפּען אין מיין טיהר!

„און דיר אין איינזאמקייט פערלאָזען?
„פיעלייכט אויף קיין מאָל זיך צו זעהן...
„אָה, ליעבסטע מיינע, טרייע מיינע,
„וויא שרעקליך איז דער פלאם געווען!

„דאָך קינד... פערגיעב... מיין פאָלק'ס געשרייען,
„זיי האָבען אייביג מיך געדריקט;
„מיין פאָלק האָט וויינענד מיך גערופען,
„און ענדליך דאָך מיין הארץ בעזיעגט.

„איך בין אוועק — איך האָב געהאָפט דאן,
„וועסט ענדליך מיר פארגעבען דאָך —
„איך בין אוועק צו מיינע ברידער,
„בעפרייען זיי, פון שקלאפען יאָך.

„איך בין אוועק... דאָך יעצט... וויא פרעהליך,
„וויא מוטהיג הויב איך יעצט מיין בליק!
„מיין פאָלק איז פריי, מיין פאָלק איז גליקליך,
„און איך — איך קום צו דיר צוריק!

„מיין פאָלק איז פריי... מיט שטורם האָב איך,
„געמאכט זיי זייער לעבעל זיסס;
„און אללע שרעקליכע טיראנען —
„צוטראָטען אונטער מיינע פיס!

„יעצט קום איך פריי, יעצט קום איך ווידער,
„דיך, ליעבסטע, דריקען שטאָלץ דיין האנד
„אוןביידע וועלען מיר פערפליהען,
„אהין — אין יענע וואונדער לאנד.

„אהין, וואו אייביג הערשט דער פריהלינג,
„און אלעס גלענצט אין זאָנען שיין —
„און לעבענס קוואלען פליסען פרעהליך,
„און גיסען זיך אין הארץ אריין.

„אהין — דאָרט וועלען מיר פערשוועבען
„און לעבען גליקליך, לעבען פריי.
„און ווידער וועט דיין יוגענד בליהען,
„אַט וויא דיא שעהנסטע בלום אין מאי.

„און גלענצענד וועט דיין מאָרגען קומען —
„דיין העללער, שעהנער, פרייער טאָג,
„און דורשטיג וועסטו פריידע טרינקען —
„דאָך, ליעבסטע, אך!... וואו ביזטו?... זאָג!....

„וואו ביזטו זאָג... אָה, טרייע מיינע!
„איך בין אין דיין געצעלט געוועזן.
„איך האָב דאָרט אלץ פערוויסט געטראָפען,
„און דיר, מיין ליעבסטע, ניט געזעהן.

„וואו ביזטו, אך!..." און וויינענד געהט ער,
און רעדט פון „ליעבע", רעדט פון „פפליכט",
און וויא א דיקער שווארצער וואָלקען,
ליעגט ווידער אויף דעם העלד'ס געזיכט.

ער געהט ארום און בליקט פערצווייפעלט —
און מורמעלט שטילל: „וויא ליעב און שעהן!"
„דאָרט פלעגט זיא אין מיין אָרעם ליעגען,
„דאָרט פלעגען מיר שפאצירען געהן.

„דאָרט פלעגען מיר פון ליעבע טרוימען,
„פון גרינעם וואלד און בלומען פראכט;
„דאָרט פלעגען מיר זאָ ליעב און..." פלוצלינג,
דער העלד האָט וויא פון שלאָף ערוואכט.

און בליקט פערטיעפט און... לויפט מיט שטורם
אהין — צו יענעם שטילען אָרט —
און שטעלט זיך אָפּ... און... פרעהליך רופט ער:
„מיין ליעבסטע? אך... ביזטו עס דאָרט?

„אין גרינעם וואלד ביין קלאָהרען טייכעל,
„וואו ליעבע פלעגט אונז טראָגען הויך —
„דאָרט ליגסטו יעצט און טרוימסט, געליעבטע?
„דאָך וועה!... דיין פנים... אך, וויא בלייך!...

„דו טרוימסט געוויס, וויא דו וועסט ווידער,
„זיין גליקליך אין דיא אָרעמס מיין;
„דו טרוימסט געוויס... נור טרוים, געליעבטע!
„דיין טרוים וועט באלד פערווירקליכט זיין!"

און פרעהליך לויפט דער העלד מיט שטורם,
מיט זיינע אָרעמס אויסגעשפרייט —
ער לויפט אהין און... פאלט, און קניעט דאָרט,
און — טרעפט זיין הארץ־געליעבטע, טויט!

סאַטירישעס

צו זיין ליעבען נאמען

רבוני של עולם, איך וויים איך בין זינדיג,
דאָך קום איך דיר בעטען גענאָד.
דו זאָלסט מיר ערקלעהרען דעם אייביגען וואונדער,
ענטדעקען דעם אייביגען סוד.

דו זאָגסט, אז דו ביזט דאָך א פאָטער צו יעדען,
און יעדערען ליעבסטו דאָך גלייך.
טאָ זאָג מיר, וויא קומט עס, וואָס איינער איז אָרים,
און איינער איז גליקליך און רייך?!

טאָ זאָג מיר, וויא קומט עס, אָה גאָט פון רחמנות!
ערקלעהר מיר דיין יושר, דיין רעכט;
ווארום איז דאָ איינעם זאָ ליכטיג, זאָ פרעהליך,
דעם צווייטען זאָ פינסטער און שלעכט?

ווארום?... נור איך „מערק" אז אויף מיר ביזטו בייזלעך,
דערפאר וואָס איך מאך דיר קיין פלאטץ...
און דיא, וועלכע טראָגען דיר שטענדיג אין הארצען?
זיי הערסטו דאָך אויך וויא דיא קאץ!

דו העלפסט זיי מיט עפּעס? דו גיסט זיי חיונה?
דו מאכסט זיי דען לייכטער א טריט?
מי הערט דיר נור שרייען: „לא תרצח“ „לא תנאף“,
נו, קען מען דען זאט זיין דערמיט?...

נו, קען מען דען לעבען מיט דיינע הבטחות,
צו קריגען גן עדן אלם לוין?
איך זאָג דיר דעם אמת, רבונו של עולם,
דיין יושר איז שווער צו פערשטעהן!

א מענש, וועלכער קען, און ער העלפט ניט דעם צווייטען,
דער הייסט דאָך א רשע ביי דיר,
און דו גרויסער גאָט נו, וואָס העלפסטו ניט טאקע?
דו האָסט דאָך פון אלץ אָהן א שיעור!

דאָך קען מען א מענשען נאָך אָפּטמאָל פערצייהען,
קוים גיט מען נור טיעפער א בליק —
ווייל יעדערער שרעקט זיך גאנץ שטארק פאר׳ן „מאָרגען“
און דאָס פיליכט האלט איהם צוריק!

דאָך דו גרויסער בורא, דו שעפּפער פון וועלטען,
דו פאָטער פון גליק און פון וועה;
דו זאָגסט דאָך אז דו ביסט דער גרעסטער, דער שטארקסטער,
פאר וועמען שרעקסטו זיך אזוי?!

און זאָל איך דען גלויבען: מיר זיינען צו זינדיג
צו געבען אונז פריעדען און רוה;
און אויב דאָס איז אמת, דאן זאָג מיר, איך בעט דיך,
זאָג, ווער האָט דען שולד, ווען ניט דו?

דו ביסט דאָך א גאָט, א „יודע מחשבות"
וואָס האָט אלס בעל רחמים א שם —
און ווייסטו אז איינער וויל טהאָן עפּעס אונרעכט,
טאָ וואָס זשע דערלאָזטו צו דעם?

כחומר, וויא ליים, אין דיא הענד פון א טעפּער,
זאָ זיינען אויך מיר דאָך ביי דיר!...
און זיינען מיר זינדיג, און שלעכט, און פערדאָרבען,
טאָ ווען קומט שטראָפען דאפיר? —

אָה, גאָטעניו ליעבער, אָה גאָטעניו שטארקער,
דיין נאָמען איז הייליג, און שעהן;
דאָך מוז איך דיר זאָגען, אז דיר און דיין יושר —
איז אייביג מיר שווער צו פערשטעהן!

דיא הייליגע

איך קען א סך רבנים׳לאך,
אין יענקי דיוד׳ס מדינה;
סאי געהענדיג, סאי שטעהענדיג,
עס רוהט אויף זיי דיא שכינה.

און יעדער צייט צו פרומיגקייט,
אין גאנצען איבערגעבען;
און דאנקען גאָטט: מיט זיין געבאָט,
זיי מאכען זיך אלעבען.

זיי שאפען ניט, זיי שקלאפען ניט,
זיי האנדלען ניט מיט סחורה;
זיי דיינקען ניט, זיי שיינקען ניט,
זיי האנדלען נור מיט תורה.

און תורה הייסט, אָט וויא איהר ווייסט,
א ביזנעס פאר רבנים,
וואו זיי מיט גאָטט, צום גרויסען שפּאָט,
פארשלעפען דאָרט נאראָנים!...

און בינדען זיי, און שינדען זיי,
און רויבען זיי דיא קרעפטען;
און פרומערהייט, און „שטומערהייט“ —
דאן מאכען זיי געשעפטען —

זיי האנדלען זיך, און וואנדלען זיך,
פערקויפענדיג הכשרים,
אויף פלייש, אויף זאלץ, אויף מילך, און שמאלץ,
און — אפטמאל אויף חזרים...

התרים'לאך, הכשרים'לאך,
דאס מעג מען טאקע געבען,
ווייל אין פערקויף, איז קיין זאך טריף
פון וואס מען מאכט א לעבען —

און איז פאראן, א יונגער מאן,
וואס וויל זיין ווייבעל גט'ן;
דאן געהט ער זיך, צום רב אויף גיך,
און פרעגט וואס ער וועט בעטען —

און זאגט איהם גלייך: ער איז ניט רייך,
איהם פעהלען דיא פאאר גראשען...
דאן גיט ער זיך (דער רב), אויף גיך,
א הויב בזה הלשון:

"פערשטעהט איהר מיר... דאָס קאָסט אייך פיער...
„פיערר דאָללער איז ניט טהייער;
„און איהר זייט פריי, שוין פון דאָס ניי —
„זיא וועט שוין געהן מיט פייער!

„און וואַרט איהר נאָך, דאן זייט איהר דאָך,
„נאָך ערגער וויא בעגראָבען...
„וויל וויא איך דיינק, קען אייער קריינק,
„נאָך באלד חרטה האָבען...

„טאָ מאכט ניט מעהר, דיא הארץ זיך שווער,
„און גט איהר אָב דיא יענטע;
„און איהר וועט שוין, ניט זיין אליין—
„מען קריגט נאָך מיידלאך „פלענטי"...

„זאָ וואָלט איך אייך, געהייסען גלייך
„בעצאָהלען — ס'איז ניט טהייער...

. . . .

„נו, זאָגט זשע מיר, איז טהייער פיער?
„טאָ זאָלל שוין זיין א דרייער!..."

און אללעס ווערט, גאָר אונגעשטערט,
גאָר אונבעוואוסט בעשלאָסען...

. . . .

און רבי זיצט, און רבי שוויצט,
און — צעהלט זיך שיין דעם גראָשען...

* *
*

רבנים׳לאך, דיינים׳לאך,
זיי האנדלען ניט מיט סחורה;
זיי דיינקען ניט, זיי שיינקען ניט,
זיי האנדלען נור מיט תורה.

נור טרעפט זיך ווען, אז איינער קען,
צו „ביזנעס“ בעסער טויגען —
האן הייבט זיך אָן דער אלטער קאַן —
זיי רייסען זיך דיא אויגען!...

זיי יאָגען זיך, זיי שלאָגען זיך,
זיי רייסען זיך דעם פנים....
זיי רייסען זיך, זיי בייסען זיך,
געוועהנליך וויא... רבנים —

דאָך לעבען זיי, דאָך שטרעבען זיי,
גערעכטיגקייט צו שוינען —

. . . .

אָה גרויסער שמערץ! מיך דריקט אין הערץ,
צום לאכען און, צום וויינען!

א זומער נאכט

(אין א נויאָרקער טענעמענט הויז)

איך בין געלעגען מיר, געכאַפּט א דרעמעלע,
געטרוימט פון איהר מיין גאָלד, דיא ליעבסטע מיין;
און טרוימענד שלאָפענדיג, האָב איך דערפיהלט מיט שרעק
וויא יעמאנד „באדערט" מיך — ווער קען דאָס זיין?

איך האָב זיך אומגעקוקט, דאָך, קיינער זעהט זיך ניט,
נו אפשר האָט זיך מיר דאָס אויסגעדאכט;
און וויעדער ליעג איך מיר, און וויעדער שלאָף איך מיר,
און וויעדער האָט אין מיר דער טרוים ערוואכט.

און... גאָט אלמעכטיגער! מיך האָט א בים געטהאָן...
געוויס איז יעמאנד דאָ ביי מיר געוועזן!
פיעלייכט מיין מיסעס'ל? איך ווייס זיא קושט זיך נור,
דאָך בייסען בייסט זיא ניט — טאָ ווער זשע דען?

פיעלייכט דיא באָרדערקע?—זאָגאר זיא „באדערט" מיך,
אז צייט א ביסעלע איז נור פאראן;
נור היינט גראד קען ניט זיין, ווייל נעכטען אבענד נאָך,
איז זיא אנטלאָפען מיט מיין מיסעס' מאן.

טאַ ווער איז דאָך געווען מיין רוה מיך שטערען דאָ?
אין יעמאנד האָט דאָך דאָס געווים געטהאָן!
נור שאַ... וואָס זעה איך דאָרט... א קליינער וואנצעלע,
ער שטעהט בכבוד זיך, און קוקט מיך אָן.

און — הערט וואָס ס'דיינקט זיך מיר: איך דיינק דער וואנצעלע —
ער מוז א גדול זיין פון זיין נאציאָן,
ווייל פונקט ווי „אונזערע“—זאָ טרינקט ער מענשען בלוט,
און קוקט נאָך אונשולדיג זיין קרבן אָן.

א ווילדע אויפרעגונג האָט זיך צופלאַמט אין מיר;
איך וואָלט א מעסער איהם אריינגעיאָגט —
נור „פייטען“ וואנצעלאך?... אָה ניין, דאָס טהו איך ניט,
איך האָב א מוסר בעסער איהם געזאָגט:

אָה דו וואנצעלע, דו רויטער מזיק'ל,
דו קליינער נפש'ל, בעל הזעה דו;
דו זעהסט איך שלעפער איין, און טרוים פון ליעבליכקייט,
דאן קומסטו גלייך צו געהן און שטערסט מיין רוה.

דו האָסט קיין מיטלייד ניט מיט מענשען אָרימע,
דו זויגסט פון זיי די לעצטע ביסעל בלוט;
און אין דיין מיענע פון דיין שמוציג פּנים'ל,
דאָרט לעז איך אז דו מיינסט אז דאָס איז גוט.

דער מאָדנער וואנצעלע — ער האָט זיך אומגעקוקט,
ווער מיט מוסר האָט איהם דאָ געפּלאגט?...
און מיט א מיענע פון אן עזות פּנים׳ל,
האָט ער מיט פרעכהייט באלד צו מיר געזאָגט:

„אָה איהר מענשעלאך, נאטור׳ס געקליבענע,
„איהר זאָגט אז בלוט פערלאנגענד זיינען מיר?
„איז דען נאָך דאָ א וואו אזעלכע שרעקליכע,
„און בלוט פערלאנגענדע — אזוי וויא איהר?...

„מיר דיינקען אָפט אליין אז אונזער לעבענס ארט,
„איז ניט קיין זעהער שעהנע, רייכע זאך;
„דאָך זאָגען זאָג איך אייך, אז איהר, דיא גוטינקע,
„זייט ערגער נאָך פון אונז אין יעדען פאך.

„ווייל איהר אליין זייט דיא, וואָס הויבען אָרימע,
„און בינדען עלענדע וויא שאָף אין שטריק;
„און שענדעט מענשליכקייט, און — זאָגען זאָג איך אייך:
„איהר שטעהט צו ניעדעריג פאר מיין קריטיק!

זיא

(אין פּאָעזי און אין פּראָזא)

פּאָעזי:

איהר פּנים פול רייץ און פול צויבער,
דיא לאָקען פון גאָלד־נעם קאָליר;
און קוים נור בעווענט זיא דיא ליפּען,
דאַן שיטען זיך פּערלען אָהן שיעור.

פּראָזא:

איהר פּנים צופּאַקט און צו מאָזעלט,
דיא האָאָר פון א געלען קאָליר;
און עפּענט זיא אויף נור איהר פּיסקעל,
דאַן שיטען זיך קללות אָהן שיעור.

דער לייף אינשורענס אגענט

ער טרוימט ניט פון זילבער, ער טרוימט ניט פון גאָלד,
ער זוכט ניט דיא וועלט צו בעזיעגען;
זיין הייליגסטער שטרעבען פערהווירקליכט זיך דאַן
קוים קען ער א פּאָליסי קריעגען.

און נעהמט נור זיין „פּראָספּעקט" דיא פעדער אין האנד,
און לאָזט איהר אראָפּ נור אין טינטער;
דאַן פיהלט ער זיך גליקליך, דאַן פיהלט ער זיך רייך,
דאַן פריהלינגט זיין הארץ אויך אין ווינטער....

חזנים ליעד

(אויף'ן בית עולם)

„ר' איד, איהר דאפט א ,מלא"?
„טאַ זייט־זשע ניט קיין פערד —
„ניט געהט צו יענעם עזעל,
„זיין „מלא" טויג אין דר'ערד!

„ער בלאַפט אי גאַט, אי מענשען,
„אויף יעדען שריט און טריט;
„אַט הערט.... אַט זעהט זיין ,מלא"....
„ער קען קיין עברי ניט!....

„נו, קומט־זשע... וואַס... אַט יענער...
„ער איז דאָך א פּארטאַץ —
„זיין „מלא" טויג אויף צרות,
„און — הערט איהם וויא דיא קאַץ..."

מכות געדאַנקען

(דיא היינט־וועלטיגע „מאַטטאָ")

ווען מען האַט אליין דיא מכות,
פיהלט מען טאַקע דעם גהינום...
דאָך זיי זיינען גאַנץ סימפּאַטיש,
ווען זיי זיצען פעסט אויף יענעם!...

פרייע איבערזעצונגען

(נאָך היינע)

עס זיינען מיט גיפט מיינע ליעדער

עס זיינען מיט גיפט מיינע ליעדער.
וויא קענען זיי אנדערש דען זיין?
דוא האָסט, אָה געליעבטע, געגאָסען
פיעל גיפט אין מיין בעכער אריין.

עס זיינען מיט גיפט מיינע ליעדער.
וויא קענען זיי אנדערש דען זיין?
איך טראָג אין מיין הארצען פיעל שלאנגען
און דיר אויך, געליעבטעסטע מיין. . .

אויף דיא באַקען דיינע

אויף דיא באקען דיינע, ליעבסטע,
ליעגט דער זומער מיט זיין פראכט;
אין דיין הארצען הערשט דער ווינטער,
מיט זיין לאנגע שווארצע נאכט;

דאָך, דאָס וועט ביי דיר זיך בייטען,
פיעל געליעבטע, שעהנע מיין —
אויף דיין פנים וועט זיין ווינטער
אין דיין הארץ וועט זומער זיין.

ווען עס שיידען זיך געליעבטע

ווען עס שיידען זיך געליעבטע,
דריקען זיי זיך פעסט דיא הענד;
און זיי וויינען, און זיי קלאָגען,
און זיי זיפצען אָהן אן ענד.

דאָך ביי אונזער שיידונג, האָבען
מיר דאן ניט געוויינט, און דאָך,
גרויסע זיפצער, הייסע טרעהרען,
וועלען שפּעטער קומען נאָך.

דאס לעבען אין א הייסען זומער טאג

דאָס לעבען איז א הייסער טאָג,
און דער טוידט — דיא קיהלע נאכט.
עס דונקעלט שוין, עס שלעפערט מיך,
דער טאָג, ער האָט מיך מיעד געמאכט.

עס שלעפערט מיך — דיא קיהלע נאכט,
זיא טראָגט מיך שוין אין איהר געצעלט,
אדיע איהר וויניג מענשען פריינד,
אדיע דוא גרויסע פאלשע וועלט!

איך האָב איהר אין א טרוים געזעהן

איך האָב אין א טרוים א געליעבטע געזעהן
מיט טרויער און עלענד פערהאנגען;
פערוועלקט וויא א בלום, און בעקימערט, איז זיא
געבויגען אין דרייען געגאנגען;

דיא האָר איהרע זיינען פערווינטערט געוועזן,
איהר הימלישער שמייכעל — אנטרונען;
דיא ליפען — פערוויאנעט, דיא וואנגען — פערדארט,
דיא אויגען — פערלאָשענע זוננען.

איין עופה׳לע האָט זיא ביין הענטעל געפיהרט,
א צווייטע — אין אָרעם געטראָגען;
און בלייך איז איהר פנים געוועזען, און רויט
דיא אויגען, פון וויינען און קלאָגען.

זיא האָט מיר געוואָרפען א בליק, און ער האָט
מיין הארץ וויא געריסען מיט צוואנגען —
איך האָב איהר געזאָגט: אָה דו ביסט אזוי קראנק —
איך וועל אין מיין הויז דיר עמפפאנגען.

איך וועל פאר דיר זאָרגען, דוא עלענדעס קינד
פאר דיר מיט דיא קינדער צוזאמען —
איך וועל ניט דערצעהלען, אז איך האָב א מאָהל
געליעבט דיך מיט העללישע פלאמען.

איך וועל ניט דערצעהלען, אז דוא האָסט מיין זעעל
אין טויזענדער שטיקער צוריסען,
און ווען הוא וועסט שטארבען, דאן וועל איך אויף דיר
פיעל זודיגע טרעהרען פערגיסען.

אויפ'ן לעבע'ס מעער

איינגעהילט אין שווארצע וואָלקען,
שלאָפען שטארק דיא גרויסע געטער;
און זיי כראָפּען, און זיי הערען
ניט, פון ים דעם ווילדען וועטער.

אך! א וועטער! — שטורם'ס צאָרען
ברעכט דעם מאסט, דיא שיף און אללעם —
און איך שטעה און בליק ארונטער
אויף דיא שרעקליך ווילדע כוואלעם—.

און איך זעה: זייא פאללען, שטייגען
באלד ארויף, און פאלען וויעדער,
און זייא רוישען און זיי ברומען —
אך! מיר ציטערען דיא גליעדער.

זעהענדיג דיא ווילדע כוואלעם
וויא זייא ברויזען! וויא זייא קאָכען!
און איך טראכט: אה וויפיעל לעבענס
האָט דער ווילדער ים צובראָכען!

וויפיעל האפען, וויפיעל שטרעבען
ליגען טיעף אין ים פערזונקען!
וויפיעל בערג מיט פאנטאזיען
האָט דערווילדער ים פערטרונקען!

וויפיעל גרויסע, רייכע גייסטער,
וועלכע ווארען העל וויא זוננען,
האָבען, זוכענדיג, דאס העכסטע,
קאלטע קברים דאָ געפונען!

פלוצלונג... הערט דעם ווילדען טומעל!
הערט דיא קולות! הערט דיא קנאללען!
אללע מאסטען פון דאס שיפעל,
זיינען מאכטלאָז אומגעפאללען!

געגען שטורם, ווער קען קעמפפען?
פון זיין שרעק, ווער קען אנטרינען?
הערט! דער שטורם רייסט דיא ברעטער!
הערט! עס ברעכען דיא מאשינען!

הערט דיא קולות! מענשען יאממער!
הערט דאס וויינען! הערט דאס בעטען!
איינ׳ם דאס צווייטע, ווארפט אין וואסער
און דעם „זיך“ צו קענען רעטען!...

דאָך, דער שטורם ווערט נאָך שטארקער
און איך זעה קיין הילף, קיין רעטער!....

....

אך! וויא גוט איז דיא, וואָס קענען
רוהיג שלאָפען וויא דיא געטער!

ווארום ?

(נאָך געטהע)

זאָג מיר קליין מיידעלע,
זאָג מיר, ערקלעהר:
ווארום מענשען איידעלע,
ליידען זאָ שווער?
ווארום זאָללען ווערען
בעהאנדעלט זאָ שלעכט,
דיא מענשען וואָס עהרען
דיא ווארהייט, און רעכט.
און דיא וואָס פערגיסען,
פון צווייטען דאס בלוט,
דיא לעבען, געניסען
פון אללעס וואָס גוט.
דיא מוז מען נאָך עהרען
פאר זייערע זינד —
זאָג, קענסט עס ערקלעהרען
דוא ליעבליכעס קינד?

דרוק פעהלערען

זייטע 12, צייל3 ,ע, שטעהט: „הויפט.

דארף שטעהן: „הייבט".

זייטע 73, צייל20 ,ע, שטעהט: „טראָגען זיי הויך".

דארף שטעהן: „און טראָגען זיי הויך".

זייטע 83, צייל2 ,ע. שטעהט: „וואָס האָט זיך אָפּט מיט זיי זאָ שעהן געשפּיעלט".

דארף שטעהן: „וואָס האָט מיט ליעבליכקייט אויף זיי געשטראהלט"

זייטע 105, צייל7 ,ע, שטעהט: „אין דיין הארצעל העד איך קלאנגען"

דארף שטעהן: „אין דיין הארצען הער איך קלאנגען"

זייטע 128, צייל9 ,ע. שטעהט: „ביז דיא וואָלקענס".

דארף שטעהן: „ביז דיא וואָלקען".

זייטע 147, צייל2 ,ע, שטעהט: „פּלוצלונג... געהילט אין שטראהלען".

דארף שטעהן: „פּלוצלונג... איינגעהילט אין שטראהלען".

זייטע 154, צייל5 ,ע, שטעהט: „און—זיי ווייסען, קינד, דאס הויכע"

דארף שטעהן: „און—זיי וויסען, קינד, דאס הויכע"

זייטע 166, צייל10 ,ע, שטעהט: „געמאכט זיי זייער לעבעל זים;"

דאהף שטעהן: „געמאכט זיי זייער לעבען זים"

זייטע 186, צייל‍ע (קעפּעל) 9, שטעהט: דאס לעבען אין א הייסען זומער טאָג"

דארף שטעהן: „דאס לעבען איז א הייסער טאָג"